STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08876

# MAYN VELT

Broche Stolovy

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברכה סטאלאווי

# מיין וועלט

לידער

ניו־יאָרק
1952

# MEIN WELT

POEMS

by

BROCHE STOLOVY

Copyright

by

B. STOLOVY

Brooklyn, N. Y.

1952

Futuro Press, 476 Broadway, N. Y. 13

200

# הקדמה

די זאַמלונג לידער פון ברכה סטאַלאָווי איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער יידישער פּאָעזיע.

די מערסטע לידער אין דער זאַמלונג זיינען געשריבן אין שטילע טענער. די דיכטערין איז אין איר שרייבן, און מסתמא אויך אין לעבן, ניט קיין רעבעל, זי איז גיכער אַ טראַדיציאָנאַליסטין, און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין איר דיכטונג, ווי אַ שטייגער אין די לידער „יום־כיפור״, אַ „תפילה״, וואו די דיכטערין זאָגט:

„אַ דאַנק דיר, גאָט,
וואָס איך לעב
אין דיין געבאָט.
אין דיינע דרכים
פירט מיין טראָט,
אַ דאַנק דיר, גאָט.״

דאָ האָט די דיכטערין ברכה סטאַלאָווי אויסגעדריקט עפּעס, וואָס קען אָנגערופן ווערן יידישער וועלט־באַנעם. אָדער אין „מאַמעס צדקניות״, וואו עס געפינען זיך אַזעלכע געלונגענע סטראָפן:

„איז געקומען שבת קודש,
האָט זי צער און נויט פאַרגעסן.
און די שבת־ליכט געצונדן,
פרום געגרייט דאָס אָרעם עסן.

און געדאַנקט דעם בורא־עולם,
פאַר זיין חסד, שטיל באַשיידן.
זיך געוואונטשן, אַ פוס־בענקל
זיין דעם טאַטן אין גן־עדן״.

דאָ באַגעגענען זיך יידישע אמונה און טראַדיציע און ביידע לעבן בשלוה. און אזוי איז אויך אין אירע זכרונות־לידער, וואו עס רוט אַ שטילע פאַרבענקטקייט און פאַרליבטקייט.

ברכה סטאַלאָווי איז שוין לאַנג אין אַמעריקע, זי איז אַהערגעקומען בעת זי איז נאָך אַ יונג מיידל געווען. דאָך האָט דאָס יידישע לעבן

דאָרטן איבערגעלאָזט אין איר גאַנצן געמיט אַזעלכע טיפע שפורן, וואָס וועלן פאַרבלייבן אויף אייביק מיט דער דיכטערין.

אין אַ ריי לידער באַלעבט פאַר אונדז די דיכטערין דאָס אַמאָליקע פאַרוואָרצלטע מזרח־אייראָפּעאישע יידישע לעבן, וואָס דער שונא האָט אַזוי אכזריותדיק פאַרשניטן. זי גיט דאָרטן אויסדרוק, אָפט מיט שטאַר־קייט אין לשון און געפיל, דעם יידישן צער; און די טרערן פון דער דיכטערין בעת דעם שרייבן, פאַראייניקן זיך צוזאַמען מיט די טרערן פון דעם לייענער און עס ווערט ביידן לייכטער, וואָרעם אמתע טרערן רייניקן די נשמה.

ברכה סטאָלאָווי איז ניט קיין אָנהענגערין פון סתם ווערטער. איר וואָלט זיך וועלן, אַז די מענטשן, באַזונדערס איז דאָס חל אויף דעם שעפערישן מענטשן, זאָלן לעבן אין הסכם מיטן וואָרט. עס זאָל זיין אַ האַרמאָניע צווישן דעם מענטשנס ווערטער און זיינע מעשים.

„ווען דו פרעדיקסט פריינדשאַפט און גליק,
צוערשט ווענד אויף זיך אַן דיין בליק.
און פרעג זיך צי וואָלסטו אין נויט
געטיילט זיך מיט לעצטן ביסן ברויט,
אָדער, האָסטו ווערטער בלויז, שיינע געבויט״.

ברכה סטאָלאָווי האָט אין איר בוך אַ צאָל משפחה־לידער, וואָס וואַקסן אַריבער דער ענגער פאַמיליע און אינטימער סביבה, און זיי ווערן אַ רשות־הרבים פאַר אַלעמען.

די דיכטערין ברכה סטאָלאָווי האָט אַ געפיל פאַר ראַפינירטע, סובטילע טענער, וואָס קומען צום אויסדרוק אין אַ ריי פון אירע לירישע לידער. די דאַזיקע לידער זיינען עכט, פּאָעטיש און באַווירקן דעם לייענער. די דיכטערין איז זייער אָפּגעהיט אין איר לשון, וואָס, ליידער, קען דאָס ניט תמיד געזאָגט ווערן וועגן יעדן יידישן דיכטער.

דאָס דאַזיקע בוך לידער פון ברכה סטאָלאָווי איז איר ערשטע זאַמלונג און וועט, האָפנטלעך, גוט אויפגענומען ווערן פון פּאָעזיע־ליבהאָבער. ברכה סטאָלאָווי דרוקט זיך שוין במשך פון די לעצטע צוועלף יאָר (שרייבן לידער שרייבט זי מסתמא שוין פיל לענגער). און מיט אַ שטאַרק אחריות־געפיל גיט זי אַרויס די דאָזיקע גע־זאַמלטע לידער.

דער לייענער, וואָס וועט זיי אויפמערקזאַם לייענען, וועט איר זיכער זאָגן אַ יישר־כוח אויך פאַר דעם עסטעטישן גענוס, וואָס אַ ריי לידער האָבן אים פאַרשאַפט.

י. זילבערבערג

# 1. מיין לעבן, מיינע טעג

# מיין לעבן

מיין לעבן, מיינע טעג —
ווי פייגל פאַרבלאָנדזשעטע,
זיי פלאַטערן, זוכן אַ ברעג.
דורך בערג און דורך טאָלן,
דורך וואַסערל שמאָלן,
וואָס ציט זיך ביים וועג,
און פרישט מיין געמיט
ווי האָפנונג־ליד.

מיינע טעג, מיינע יאָרן —
ווי פערל צעשאָטענע,
זיי ליגן אויף וועגן פאַרלאָרן.
פון ביטערע טעג,
פון צער און שלעק;
דאָך טיף אין זכרון
איך טראָג זיי באַהאַלטן,
די פערל־־געשטאַלטן...

מיין וועלט, מיין שטרעבן —
ווי וואָלקנס געלייטערטע,
זיי ציטערן, ציען און שוועבן.
דורך שטורעם און לייד,
זיי זוכן באַשייד,
אַן אינהאַלט אין לעבן,
אַ תוך און אַ זינען,
אַ נייעם באַגינען...

# דער תוך פון לעבן

ווי פייגל אַ מחנה, אַ ראַשיקע,
די טעג פון דיין יוגנט פאַרשוועבן.
אין פלעמלעך פאַרבליבענע, אַשיקע,
עס לעשן זיך רעשטלעך פון לעבן...

ווי ליכטלעך פאַרגעלטע, פאַרטונקלטע,
די יאָרן זיי צאַנקען, פאַרגייען.
ווי שטערן צעהעלטע, צעפינקלטע —
חלומות דערהויבן, דערפרייען.

חלומות און שטרעבונגען ליכטיקע —
דער זין אין לעבן פון אַ מענטשן!
זיי פירן צו וועגן, צו ריכטיקע,
זיי מונטערן, רופן און בענטשן...

און האָט דיך אויף וועגן, אויף יאָכיקע,
אַ חלום דערגרייכט און דערהויבן —
דאַן ווייס, צוליב טעג, אָט די תוכיקע,
געלוינט ס׳האָט צו לעבן און גלויבן...

# אויסדויער

כ׳וויל האָבן דעם אויסדויער
פון אייביק יונגען בוים,
וואָס פרירט אַ ווינטער־לאַנג
געדולדיק אינעם רוים.

צו צווייגן נאַקעטע,
די קינדער זיינע, רעדט ער:
— כ׳וועל דערלעבן נייעם פרילינג,
נייע בלעטער...

כ׳וויל האָבן דעם אויסדויער
און זיכערקייט פון בער,
וואָס טראָגט האַלב־טויט אין נאָרע
דעם איינציקן באַגער.

אַדורכצולעבן שווערע טעג!
פאַרשלאָפן פרעסט און קעלט.
און אין פרילינג אויפסניי
אויפלעבן אין וועלט.

ווען כ׳האָב נאָר דעם אויסדויער
פון וואָרעם אין קוקון!
וואָס וואָרעמט זיך אין בלעטער־קלייד,
אַנטקעגן שטראַל פון זון.

ער ווייסט און גלויבט עקשנותדיק,
ווען בייזער ווינטער וועט פאַרביי,
וועט ער — אַ ניי־באַפליגלטער,
אַ שוועב־טאָן אויף דער פריי...

כ׳וויל האָבן דעם אויסדויער...

# אומרו

אַ לאָז מיך, אומרו, ווייט אַנטרינען
אין לאַנד פון חלום, אין שטילער רו.
אַ פאָדעם גאָלדענעם כ׳וועל שפּינען,
אין נאַכט פון טרוימען, ערגעץ־וואו.

און ציען כ׳וועל דעם פאָדעם מיינעם —
פאַרוועבן פינצטערניש אַרום.
וועט ער — צווישן חושך שיינען,
מיין וועג באַלייכטן אומעטום.

אַ לאָז מיך, אומרו, שטיל איינשלאָפן
מיין טיפן וויי, פאַרוויג אַצינד.
עס ווילט זיך חלומען און האָפן,
מיט פרישן גלויבן ווי אַ קינד.

פאַרהילט האָט נאַכט די גאַס אין דרימל.
עס שלאָפט דער מענטש — קיין זיפץ, קיין לאַך.
שוין לעשן שטערן זיך אין הימל,
נאָר איך אַליין דאָ ליג און טראַכט...

## מיין וועג

מיין לעבן — אזוי סומנע,
דאָ אַ באַרג, דאָ אַ טאָל.

מיין וועג — אַ סטעזשקעלע,
גליטשיק און שמאָל.

מיין טראָט — ווי ניט זיכער,
אָט גיב איך אַ פאַל!

מיין ברויט — אַ פאַרסמטער
און ביטער ווי גאַל...

נאָר ס'הארץ מיינס פאַרמאָגט
אַזאַ גלויבן און מוט!

צו־להכעיס דעם לעבן
פון צאָרן און בלוט...

וועל איך אויף פליגלען
פון ליבשאַפט באַהעלט,

צעשמעלצן דעם סם
אין דער פראַסטיקער וועלט...

# ערשט נעכטן

עס לויפן, עס פליען מיט אימפּעט די יאָרן,
דאָס לעבן, עס יאָגט ווי אין שטורעם דער ווינט.

אין שטורעם, שוין באַלד אַ האַלב לעבן פאַרפאָרן...
עס דוכט מיר, ערשט נעכטן געווען כ׳בין אַ קינד.

ערשט נעכטן, ווען ליכטיק געשיינט האָט מיין הימל,
ווען יוגנט געברויזט האָט, פאַרשפּראָכן, געררייצט.

ערשט נעכטן, געבליט כ׳האָב ווי אין פרילינג אַ בלימל,
און פרייידיקע האָפנונג, מיין וועלט האָט פאַרפלייצט...

אַ וועלט פון פאַנטאַזיע און פון אידעאַלן
האָב איך אין מיין גלויבן געזען און געשפּינט.

געזען כ׳האָב נאָר ליכטיקע, לויטערע קוואַלן...
צי קאָן דען אַנדערש גאָר טראַכטן אַ קינד?

און איצט, אַ דור שוין זינט דעמאָלט פאַרפלויגן,
און איצט, ווי דעמאָלט, כ׳טו שפּינען מיין ליד.

זכרונות זיסע, פאַרנעפּלען די אויגן,
און שווער ציט דער וועג זיך, און מיד בין איך, מיד...

## איך — דער מענטש

עס איז מיין האַרץ ווי איינגעקלאַמערט
אין אַ קלעם פון טויזנט צאַמען.
שלאָגט עס אין מיר און עס האַמערט,
ווי אַ שטורעם איבער ימען...

רייסן זיך אין מיר פאַרוואָסן:
— איך, דער מענטש, דער האַר אויף ערד,
שטיי פאַר אוצרות מיט פאַרדראָסן,
נעמען כ׳וואָלט זיי, נאָר מען שטערט...

כ׳ווייס ניט, אָבער, ווי זיך צו טיילן
מיט דורותדיקן „האָב און גוטס״.
ווי אַזוי־זשע זאָל איך היילן
און פאַרמיידן מענטשלעך בלוט?...

כ׳ווער פון ווייטיק שיער צעריסן,
צאַפּלט זיך מיין האַרץ אין פּיין,
און עס פרעגט און וויל אַלץ וויסן:
— וואו איז דער אויסוועג? וואָס וועט זיין?...

דאָ טרייבט אַ כוח מיך צו הייכן,
און ווי אַ מאַגנעט עס ציט די ערד.
וועל איך אויפקום דאָ דערגרייכן?
צי איז מיר אונטערגאַנג באַשערט?...

# מיין ליד

## א

פלאַטערט אין מיין האַרץ אַ ליד,
טראָג איך עס און ווער ניט מיד.
ווערט אַמאָל מיר ס'לעבן שווער —
גיס איך אויס אין ליד מיין טרער.

טרעפט אַמאָל, ווי ס'טרעפט אין לעבן:
ס'ווערט מקום מיינס אַ שטרעבן,
צינדט־זיך אָן אין האַרצן דאָס ליד, —
ברויזט אויף אַ פרייד אין מיר און זידט.

און אַמאָל, דורך פרילינג־נאַכט
ציטערט אויף מיין ליד און לאַכט.
רייפן זאַנגען אין דעם פעלד,
זינגט דאָס ליד אין מיר און קוועלט.

אויך אין מיין האַרבסטיק־שטילן גאַנג,
רייפער טראָג איך מיין געזאַנג.
און ווען איך אַלט און מיד שוין ווערן —
זינגען וועל איך אויך אין טרערן...

## ב

מיין ליד איז היינט אַ שטיל געזאַנג,
נאָך שטורעם און געוויטער.
דאָס שפּיל איך אויס מיין ליד אין קלאַנג,
אויף האַרץ פון האַרף מיין ציטער...

מיין ליד איז היינט אַ פרום געבעט,
פאַר אַ מענטשן, אַן אידעאַלן,
וואָס לויטער איז דאָס וואָרט ער רעדט,
ווי קרישטאָל־קלאָרע קוואַלן...

מיין ליד איז היינט אַ זיסער טרוים,
פאַר רו און גליק און גלויבן.
מיין ליד איז היינט אַ יונגער בוים,
מיט צווייגן, הויך־דערהויבן...

## פֿאַרשוווּנדט

גע‏שריבן כ׳האָב לידער פֿון גליק און פֿון גלויבן,
פֿון לויטערע, ליכטיקע טעג.
עס האָבן חלומות, דורך פֿאַרנעפּלטע שויבן,
באַלויכטן מיין פֿינצטערן וועג...

געשריבן כ׳האָב לידער פֿון שטילע פֿאַרנאַכטן,
פֿון פֿריידן מיט ליבסטן ביים זייט;
געבויט זיך פּאַלאַצן אין טרוים אויסגעטראַכטן,
דעם אומעט פֿאַריאָגט פֿון זיך וויים.

בחדרי־חדרים, פֿון אַלעם באַהאַלטן,
געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט.
דורך היצן פֿון זומער, דורך ווינטער דעם קאַלטן,
געשריבן, געמעקט און געטראַכט...

נאָר דאָ האָט אַ שטורעם מיין פּאַלאַץ פֿאַרטראַכטן
מיט רוגזה צעבראָכן, פֿאַרלענדט.
און האָט מיך געלאָזן מיט שווערע פֿאַרדאַכטן,
— צי האָב איך מיין לעבן פֿאַרשוווּנדט?...

# טויבע אויערן

ביי אַ הויכער, בלינדער וואַנט,
מיט מיין לירע אין דער האַנט,
זינג איך מיט געפיל.

שטיי איך צווישן קאַלטע מויערן,
זינג מיין ליד פאַר טויבע אויערן,
וויין איך אין דער שטיל.

יאָרן קומען, יאָרן גייען,
גיס איך אויס דאָ מיינע ווייען,
דורך מיין איינזאַם ליד.

טרעפט אַמאָל — עס לאַכט מיין לירע,
קלינגט דאַן פריידיק אויף מיין שירה,
נאָר קיינער הערט עס ניט.

לייג איך צו צום קאַלטן מויער,
מיין אָנגעשפיצטן, שאַרפן אויער,
האָרך זיך איין און קלער:

— דוכט זיך, כ'הער אַ האַרץ דאָרט קלאַפּן.
פּרואוו איך אין דער שטיל אויפכאַפּן:
— דוכט זיך, ס'הערט מיך ווער...

## יוני אין וואַלד

אַלע דאגות, אַלע זאָרגן
אָפּגעשאָקלט אין אַ זייט.
ס'איז די שטאָט מיט איר געטומל,
אַזוי ווייט דאָך — מײַלן־ווײַט...

איבער מיר — עס בלויט אַ הימל,
און אַ זון פון גינגאָלד שטראַלט.
וועל איך אויף גרעזלעך גרינע
זיך לאָזן לויפן צו דעם וואַלד.

און אין וועלדל שמעקט — אַ חיות,
וועל איך שפּאַנען דאָ אָן ציל,
הערן ס'שאָרכן פון די בלעטער —
סודותדיק אַזוי, און שטיל.

וועט אַ ווינטעלע אַ שטיף טאָן
און צעבלאָזן מײַנע האָר.
און כ'וועל, ווי אַ קינד דאָ,
זיך שפּילעוודיק צעלאַכן גאָר...

ניין, איך רעש ניט היינט, איך יאָג ניט,
איך האָב צייט, אַזוי פיל צייט.
ס'איז די שטאָט מיט איר טומל
אַזוי ווייט דאָך — מײַלן ווײַט...

# ביים ים

ווילד און בייז איז היינט דער ים.
כוואַליעס הייבן זיך און טראָגן
איבער ברעגן — אָן אַ צאַם,
זיי צעגיסן זיך און יאָגן.

שטייט מיין שטיבל ביי דעם ברעג,
קלאַפּט אַ ווינט אין מיינע שויבן.
בלאָזט ער אָן אויף מיר אַ שרעק
מיט זיין וואָיען, צום פאַרטויבן!

קאָכט און זידט דער ים-געווירבל.
אַ פּאַס ליכט באַלייכט די ברעגן,
טרייסלען ווענט זיך אין מיין שטיבל
פון דונער-קנאַל און מבול-רעגן.

און דער ווינט ווייעט ווילד און ווילדער,
שוימען כוואַליעס אויפן ברעג,
ליאַרמען, רוישן מיט געפילדער —
און אַלץ גרעסער ווערט מיין שרעק...

# כוואַליעס

זיי יאָגן, די כוואַליעס,
מיט ליאַרעם און געוואַי,
וואַסער־בערג און טאָלן
אַנטקעגן הימל־גרוי.

בלעזלעך אויף די ברעגן
שפּאַרן הין־און־צוריק,
וואַרפן אָן אַן אומרו,
רעגן־אויף מיין בליק.

— וואָס ברויזן זיי, די כוואַליעס?
וואָס צאָרנט ער, דער ים?
וואָס מאַכט אים אַזוי יאָגן,
אָן אָפּשטעל און אָן צאַם?

— וואָס טרייבט אים דאָ כסדר,
אין שוימיק־ווילדן שרעק?
און גיסט אים אויס מיט צאָרן
אויף זאַמדיק־ווייסן ברעג?

עס ענטפערט מיר דער ים ניט,
שפּרייט אַלץ די כוואַליעס ווייט.
וואָס האָט אַ מענטשנס טענה
ביים ים דען אַ באַדייט?...

עס לייטערט זיך דער הימל,
פאַריבער שוין די נאַכט,
נאָר ווייט דאָרט האָט אַ כוואַליע
פון מיר זיך הויך צעלאַכט...

# מיין ייִנגעלע

מיין ייִנגעלע —
אין העמדעלעך, שניי.
די ליפּעלעך,
מיט האָניק־מילך,
קוועלט און שמעקט,
ווי גאָלדיק היי.

מיין ייִנגעלע —
מיט אויגן־בלוי.
זיין קעפּעלע —
אַ רייפע רויז,
בליט און פרישט
ווי מאָרגן־טוי.

מיין ייִנגעלע —
אַ פרישער קוואַל!
זיין שמייכעלע —
ווי זוניק־גאָלד.
אויף מיין הימל —
אַ נייער שטראַל...

## טוליע זיך צו

ייִנגעלע קליין,
זונעלע שיין,
מלאך־געשטאַלט.
רויזן — די בעקעלעך,
סאַמעט — די לעקעלעך,
זוניק באַשטראַלט.

ליפּעלעך פּלאַפּלען,
הענטעלעך צאַפּלען,
ביסט מלא־חן!
פרייד אין די אייגעלעך,
זאַרגלאָז ווי פייגעלעך,
אומשולדיק־ריין.

לייג־זשע דיין קעפּעלע,
רונד ווי אַן עפּעלע,
טוליע זיך צו.
וויג איך דיך איין אַצינד,
שלאָף־זשע און רו מיין קינד,
אַי־ליו־ליו, ליו־ליו.

# דו וואַקסט אויס

דו וואַקסט אויס, מיין ליב יינגל,
מיט דיין האַלטונג, מיט דיין שפּראַך,
מיט דיין ערלעך-גלייכן שכל,
מיט דיין שטיף און מיט דיין לאַך.

דו וואַקסט אויס, מיין ליב ייגנל,
הויך און שלאַנק, ווי אַ יונגער בוים.
און איך שטיי דיר דאָ אַנטקעגן,
גרייך דיר ביזן אַקסל קוים...

ווי די פּירות, פריש און צייטיק,
קוויקן דיינע רייפע רייד.
שלינג איך דורשטיק און פאַרחידושט
דיין יעדעס וואָרט מיט שטאָלץ און פרייד.

רעד, מיין קינד, דיין גלייכער שכל
טראָגט אַ זינען און אַ צוועק.
אין לאַנד פון מעגלעכקייטן גרויסע
וועסט ווייט דערגרייכן אויף דיין וועג...

## צו גיך

לאָקן — גאָלד, ווי רייפע זאַנגען,
באַצירן דיינע אַקסלען, מיין קינד.
איך הער דיין קול ווי זילבער־קלאַנגען,
און גלייך מיין צער און זאָרג פאַרשווינדט.

עס ווייעט פון דיר מיט פרישע רויזן.
און לאַכסטו — גלייך ווי זון צעשטראַלט!
און מיט קראַפט און יוגנט ברויזן
דיין יעדעס גליד, דיין שיין געשטאַלט.

טרעפט אַמאָל אַ נאַכט פול שטערן
און דו, פאַרחלומט, בליקסט צום הימל,
פאַרנעפּלען מיינע אויגן טרערן,
און איך דערזע זיך ווי אין דרימל.

כ׳האָב אויך אַמאָל מיט כישוף־פליגל
געשוועבט אַזוי ווי דו אַצינד...
ווי נעכטן, שטיי איך פאַר מיין שפּיגל.
— צו גיך פאַרפליט דאָס לעבן, מיין קינד...

# ווי אַ צווייגל

מיט אַזוי פיל אומזיכטבאַרע פעדעם
ביסטו באַהאַפטן, פאַרשפינט,
מיט מיר, מיין קינד.
ווי אַ צווייגל אויף פאַרוואָרצלטן בוים,
שפּראָצסטו און בליסט אין רוים,
אויסגעהיט ביי מיין זייט פון בייזן ווינט.
כאָטש אַזוי פאַרשיידן,
דער וועג פון אונדז ביידן,
וועט מיין האַרץ־קלאַפּ פון דיינעם
ניט אונטערשיידן,
אין טראָפּ, מיין קינד...

דיין שמייכל צו מיר —
אַ לויטערער שטראַל.
דיין גליק, פאַר מיר —
אַן אומדערשעפּטער קוואַל.
דיין צער — אַ ים,
וואָס גיסט איבער אַלע מיינע ברעגן.
דיין פרייד — אַ ליכט,
וואָס באַשטראַלט אַלע מיינע וועגן,
וואָס היילט און לינדט,
און לייכט און צינדט.
וואָס שיינט און העלט,
און לאַכט און קוועלט
אין מיר,
צו דיר
מיין ליב, טייער קינד...

# אין מיין פרילינג

צווישן בערג, ביים קלאָרן טייכל,
וואו דאָס וואַסער פליסט און קוועלט,
זיץ איך מיר מיט מיין געליבטן
אין מיין וואונדער-שיינער וועלט.

שפיגלט טייכל זיך אין שטראַלן,
קושט די שטיינער, וואַשט און טריפט.
גיט אַ פישעלע אַ יאָג זיך,
פלאַטערט דורך פאַרביי און שטיפט...

וועבן זיך אין קאָפּ מחשבות
ציטערט אויף מיין האַרץ און ציט.
הער איך, דוכט מיר, פרייד-געזאַנגען
אין דעם פרילינג העל-צעבליט.

ס'שמעקט מיט בעז, אַקאַציע-בלומען.
נעמט מיין ליבסטער מיך אַרום,
הייב איך אָן אַ ליד צו זינגען,
זאָגט ער — ביסט מיין שענסטע בלום...

לאַנג פאַרשוואונדן יענע לידער,
ווייט דער גלעט פון ליבסטנס האַנט,
נאָר מיין האַרץ, עס וויים קיין גרענעץ —
צאַפּלט-אויף ביים טייכלס ראַנד...

# ליבשאַפט

## א

כ׳וואָלט געוואַנדערט איבער וועגן,
איבער ווייטע פרעמדע שטעגן,
אַנצוקומען דיר אַנטקעגן,
ווען דערשפּירט כ׳וואָלט נאָר דיין צייכן,
ווי דיין ליבשאַפט צו דערגרייכן...

כ׳וואָלט געשוואומען איבער ימען,
דורכגעבראָכן טויזנט צאַמען,
איין מינוט ניט צו פאַרזאַמען,
פון דער שפּרודלדיקער פרייד
אין דעם קוואַל פון דיינע רייד.

דורך מדבריות כ׳וואָלט געפלויגן,
פאַר דעם גלאַנץ פון דיינע אויגן.
כ׳וואָלט מיין קאָפּ פאַר דיר געבויגן,
פאַר איין שמייכל פון דיין בליק,
פאַר אַ שעה פון העכסטן גליק.

## ב

פאַר וועמען בלויט זיך דער הימל?
און טונקט זיך אין וואָלקנדלעך ריין,
וואָס שפּיגלען אַנטקעגן דער זון זיך?
— געליבטער, פאַר דיר נאָר אַליין.

פאַר וועמען בלאַנקען די שטערן?
און פינקלען אַזוי צויבערלעך־שיין?
— דאָס טראָגן זיי האָפענונגען זיסע,
מיין ליבסטער, פאַר דיר נאָר אַליין.

פאַר וועמען צאַפּלט מיין האַרץ זיך,
ווען ווייט כ׳בין פון דיר און אַליין?
— דאָס ציטערט אין האַרצן מיין בענקשאַפט,
אין ליבשאַפט צו דיר נאָר אַליין...

# אַמאָל

אַמאָל, אַמאָל אין פֿרילינג־צײַט,
בײַם טײַכל האָבן מיר שפּאַצירט.
געקליבן בלימעלעך אין דער װײַט,
מײַן יונגען קאָפּ מיט זײ באַצירט.

געפֿאַרבט האָט זיך דעם טײַכלס ראַנד,
געפֿאַלן איז לעצטער שטראַל אין טאָל.
און דו, געצערטלט האָסט מײַן האַנט.
— אַמאָל, אַמאָל...

אַמאָל, אַמאָל אין פֿרילינג־נאַכט,
אַ שטילקײט האָט דעם פּאַרק פֿאַרהילט.
אַ ציטער האָט מײַן האַרץ דערװאַכט,
איך האָב דײַן ערשטן קוש דערפֿילט...

גענומען האָסטו מיך אַרײַן
אין דײַנע אָרעמס — שטאַרק װי שטאָל ;
די װעלט איז דאַן געװאָרן מײַן,
— אַמאָל, אַמאָל...

## בענקשאַפט

מיר דוכט אז איך האָב דיך אַמאָל וואו געטראָפן.
ווי האָב איך געקאָנט אַזוי יאָרן פאַרשלאָפן?
און לעבן אין פוסטקייט אָן דיר דאָ אליין? —
איך קאָן ניט פאַרשטיין...

עס דוכט מיר, איך האָב דיך אויף וועג וואו באַגעגנט:
דיין האַנט כ'האָב געהאַלטן, נאָר זיך ניט געזעגנט.
איז בענקשאַפט אין האַרץ מיר, זינט דעמאָלט געבאָרן,
געפלאָגט אַלע יאָרן...

זאָל זיין, אַז דיין אָנבליק פאַרנעפּלט האָט צייט,
האָט ערגעץ אין דמיון באַהאַלטן זיך ווייט,
נאָר איצטער, ווי קאָן איך מיין לעבן אַליין —
אָן דיר ווייטער גיין?...

# די אָוונט־שעה

[מיין ליבן מאַן, געווידמעט]

עס זעצט די זון זיך אין פלאַם־פייער,
פאַרבט זיך הימל רויט און בלאָ.
קום צו מיר זשע, מיין געטרייער,
אין דער שטילער אָוונט־שעה.

כ'וועל מיין מידן קאָפּ דאָן לייגן,
אויף דיין אַקסל, ליבסטער מיין.
ווער, ווי דו, נאָך איז מיר אייגן
אין מיין פרייד און אין מיין פיין?...

שטאַרקער דריק מיין האַנט אין דיינער,
צאַרטער גלעט מיין מידן קאָפּ —
קורץ איז ס'לעבן, חבר מיינער,
יאָרן פליען אין גאַלאָפּ...

גוטע יאָרן, שלעכטע יאָרן,
טעג פון פרייד און טעג פון שלעק,
ווי אויף רייטוועגענער פאַרפאָרן,
אַלע פליען זיי אַוועק!

טונקט די זון זיך — לעשט זיך ס'פייער,
און דער הימל איז שוין גראָ.
קום, מיר וועלן, מיין געטרייער,
אַנטקעגן גיין דער שטילער שעה...

# מירביידע

געווען ס'איז אַ שטילע,
אַ פֿאַרנאַכטיקע שעה.
געזעצט האָט די זון זיך —
פּורפּור־רויט און בלאָ.
אַ קיל־האַרבסטיק ווינטל
געגלעט האָט, געשטיפֿט,
מיר ביידע אין פּאַרקל —
פֿאַרליבט און פֿאַרטיפֿט...

די שקיעה־זון שטראַלט
אויף ביימער, אויף גראָז.
אַ בלעטל עס פֿאַלט
מיט שטילן פֿאַרדראָס...
אַ נאָגנדיקע בענקשאַפֿט
אין האַרצן דערוואַכט
אויף בלעטל, וואָס בלאָנדזשעט —
געיאָגט אין דער נאַכט...

די זון — שוין פֿאַרגאַנגען,
בלויז מיר צוויי אין פּאַרק.
געקלאַפּט האָבן הערצער,
געהויבן זיך שטאַרק.
די הענט — איינגעקלאַמערט,
אין דער צוקונפֿט פֿאַרטראַכט.
ווי שיין ס'איז געווען
יענע האַרבסטיקע נאַכט...

## האַרבסט און פרילינג

מיט ליבע ביסט צו מיר געקומען,
צוגלייך מיט שפּראָץ פון פרילינג-בלומען,
ווען ערשטער גראָז האָט ערד באַגרינט,
מיט ערשטן גלעט פון פרילינג-ווינט.

דער הימל האָט מיט ליכט געגאָסן,
דאָס טייכל האָט דעם ברעג פאַרפלאָסן,
דער בוים אין בלעטער, פריש-צעבליט,
און דו — מיט שטילן ליבע-ליד...

געשפּרודלט האָט נאַטור מיט חן,
ווען פלוצלונג כ׳האָב מיט צער דערזען
דעם האַרבסט אויף אונדז, אַזוי בולט, קלאָר —
אין זילבער צווישן שוואַרצע האָר,

אין שטילקייט פון דיין ליריש ליד,
אין מידקייט פון מיין יעדן גליד.
און ווי צו זיך, איך האָב גערעדט:
— עס איז צו שפּעט, עס איז צו שפּעט...

# חלומות

שווער איז דאָס לעבן,
לאָמיר אַוועק!
ווייט פון דער שטאָט,
אויף יענער זייט ברעג.

לאָמיר איין טאָג כאָטש
פארגעסן די זאָרגן.
אפשר וועט העלער
אויפלייכטן דער מאָרגן?

ביטער, דאָס לעבען.
ווערסט גרוי און אַלט,
הינטער דער שטאָט דאָרט
ציט זיך אַ וואַלד,

לאָמיר אַנטלויפן
אַהין, ווי אַמאָל.
און שטיפן און לאַכן,
ווי קינדער אין טאָל.

אוי, לאָמיר פון דאגות
די גרויע, אַנטרינען!
און פון ליכטיקע פריידן
חלומות זיך שפינען...

# 2. נאַטור און מענטש

## נאַטור און מענטש

געוואָלט האָב איך מאָלן אַ הימל אַ בלויען.
געזוכט צו פאַרטרייבן מיין אומעט דעם גרויען,
נאָר ווען כ'האָב די בלויקייט פון הימל דערבליקט,
האָב איך גלייך דעם לייוונט אויף שטיקער צעפליקט...

געוואָלט האָב איך שטיקן אַ טעפעך אַ גרינעם.
געאַרבעט כ'האָב פלייסיק פון נאכט ביז באַגינען;
און ווען כ'האָב דערזען נאָר די גרינקייט פון גראָז,
מיין אַרבעט פאַרוואָרפן האָב איך מיט פאַרדראָס...

געוואָלט האָב איך נייען אַ קלייד זיך, אַ שיינע,
מיט בלומען געהאָפטן, אויף צווייגעלעך קליינע,
נאָר אָט, גאָר, דערזע איך אין גאָרטן די בלומען,
און כ'לאָז שטיין מיין אַרבעט, אין טראַכטן אין שטומען...

אַ, פרעכטיקע בלומען! באַגאָסן מיט שטראַלן,
פון לויטערע הימלען, וואָס סודותדיק פאַלן
אויף גראָזן די גרינע, אויף פעלד און אויף בוים,
אויף שמעטערלינג צאַרטן, וואָס פלאַטערט אין רוים.

איך בויג איצט מיין קאָפּ, אַ פאַרשעמטע פאַר אייך!
פאַר נאָכמאָלן וועלן נאַטורס פאַרבן־רייך.
איצט ווייס איך, אַז דאָס, וואָס ס'איז אמתדיק שיין,
קאָן די נאַטור נאָר באַשאַפן אַליין...

# דער מענטש

דער מענטש איז אַ פּלאַטער אין שוועבן,
ווי אַ פיש אין דעם רוישיקן ים.
ער לאָזט זיך אויף כוואַליעס פון לעבן,
אַ פאַרבלענדטער, אַן אָפּשטעל, אַן צאַם...

דער מענטש איז, ווי אַ שטראַל אַ געגאַרטער,
אַ ליכטיקער אָנזאָג אויף פרייד.
דער מענטש — ווי אַ קנעכט אַ פאַרשפּאַרטער
אין תּפיסה פון לעבן און לייד...

דער מענטש איז ווי אַ בוים, אַ צעבליטער,
די פּרוכט פון זיין ווייסן דיך נערט.
דער מענטש — אַ וואולקאַן אַ צעגליטער,
אַ כעסן, וואָס בויט און צעשטערט.

דער מענטש, ווי אַ טויב איז באַשיידן.
אַ מלאך — נאָר לויב אים און בענטש...
דער מענטש — אומפאַרשטענדלעך, פאַרשיידן
וואָס איז ער? וואָס פּאַרט איז דער מענטש?...

## גולמס

### א

עס רוישן, ס׳פליען עראָפּלאַנען,
עס יאָגן שיפן אויפן ים,
עס פייפן, סאָפּען אייזנבאַנען —
בראַזג מיט רעש און טאַראַראַם.

עס לויפן, ס׳זשומען די מאַשינען,
עס דרייען רעדער זיך מיט האַסט.
און די יאָרן — זיי אַנטרינען
אונטער לעבנס שווערער לאַסט...

### ב

דער מהר״ל פון פּראָג האָט זיך פאַרקלערט,
לאַנג געפורעמט ס׳ליימיק ערד,
אַ גולם זיך דערפון געמאַכט —
אים צו דינען טאָג און נאַכט.

אויך מיר שאַפן היינט אָן צאָל
גולמס — אייזן, גולמס — שטאָל.
שרייפלעך, רעדלעך אַלערליי,
פאַרשקלאַפן אונדז גאָר אין געדריי...

# אין יאָגעניש

עס לויפן מינוטן,
עס יאָגט דיך די צייט.
וואָס האָבן דען שעה'ן
דורך טעג א באַדייט?

אין פלי זיינען יאָרן
קירצער נאָך פון טעג,
אין יאָגעניש וואַרפסטו
אַ לעבן אַוועק...

נעם זיך צייט —
צו חלומען היינט!
נעם זיך די שעה
צו דערפרייען אַ פריינד.

נעם זיך דעם טאָג —
אַ זינג-טאָן, אַ לאַך.
אין לעבן, אָט די טעג —
ניט פאַראַנען קיין סך...

# מיין דור

## א

עס צערט און פאַרצערט מיך דער צער פון דער וועלט,
ביז ווייטיק מיך פרעסט.

איך שטיי אין יסורים צו פיין אויסגעשטעלט,
פאַרטעמפּט אינעם פאַרמעסט.

נאָך טעג פון ענויים, פון פיין און פון פּלאָג,
איך זוך נאָכאַנאַנד,

אַן אויסוועג, אַן אָנזאָג אויף ליכטיקן טאָג,
מיין האַרץ — אין דער האַנט...

## ב

ווי קראַפּיווע, בייסיק און שאַרף,
די טעג מיינע וואַקסן און יערן.

מיינע הימלען, אין וואָלקנס ווי בליי,
פאַרצויגן, פאַרנעפּלט אַן שטערן,

דער ביטערער סם פון מיין דור,
מאַטערט מיין וועלט ביז פאַרצערן...

וואָס איז דיר, מיין אָרעמער דור?
ווי קראַנק ס׳איז דיין האַרץ און צעטראָגן!

אין אייביקן ציטער און שרעק,
דיין האַנט אין אַ פויסט, גרייט צום שלאָגן...

אַזוי פיל יסורים און שלעק —
צופיל פאַר איין דור צו פאַרטראָגן...

ג

אַ גיפטיקער, קריגערישער דור,
אַ פאַלשע, אַ פינצטערע וועלט.
דער ביטערער חשבון איז קלאָר:
— ס'האָט שנאה דאָס ליכט אונדז פאַרשטעלט.

אין בלינדקייט עס חושכט די נאַכט,
עס שילט וואו אַן עקלדיק מויל,
ס'האָט טייוול פאַר מענטשן פאַרטראַכט
אַ גיהנום, פון שווערד און פון גרויל...

געהיימע, פאַרשלאָסענע רייד,
פאַרשווערונג, פאַרשקלאַפונג און יאָך.
פאַרלוירן, פאַרטיליקט עס שטייט
דער מענטש אין זיין עלנט און בראָך...

# אַ פּינטעלע ליכט

וואָס וואָלט געווען?
וואָס וואָלט געשען?
ווען הימל וואָלט קיינמאָל
ניט פאַרוואָלקנט געווען?
ווען זון וואָלט געלויכטן
בייטאָג און ביינאַכט —
וואָלט עס דען דער מענטשהייט
דערלייזונג געבראַכט?

וואָס וואָלט געווען?
וואָס וואָלט געשען?
ווען שיינקייט וואָלט יעדער
אין צווייטן געזען?
ווען בליען מיט בלומען
ס'וואָלט יעדערער דאָרן —
וואָלט מענטשהייט דערפון דען
דערהויבן געוואָרן?...

און אפשר דערפאַר
האָט דאָס לעבן אַ זין,
וואָס ס'לאָקט דיך אַהערצו,
און ס'ציט דיך אַהין?
עס צויבערט פונווייטן
אַ פּינטעלע דאָרט,
און פינקלט דורך חושך —
וואָס קאָן עס זיין פאָרט?...

## ווער וויים דען?

זיץ איך און טראַכט: —
ווען ס'וואָלט ווער געמאַכט
אַזאַ סאָרט מאַשין,
וואו מענטש וואָלט געקאָנט
אָפּשפּיגלען דערין
מעשים, וואָס ער טוט,
און מעסטן און וועגן,
וואָס שלעכט איז און וואָס — גוט.

טראַכט איך און קלער: —
און ווען עס וואָלט ווער
אויף אָט דער מאַשין
גאָר פּלוצים דערזען
זיין בייזן געדאַנק —
פאַרדאָרבן, אָן זין,
צום שלעכטן זיין דראַנג. —
וואָס וואָלט דאַן געשען?

וואָלט ער באמת
פאַרשעמט דען געוואָרן?
אפשר, געצאַמט
וואָלט ער זיין צאָרן?
וואָלט ער אַ בעסערער
מענטש דען געוואָרן?
זיץ איך און קלער: —
ווער וויים דען? ווער...

# רו אין דער שטיל

וואָס שווערער עס דריקט דיך דאָס לעבן,
וואָס ערגער עס פּינצטערט די ערד,
אַלץ טיפער פאַרשטאַרקט זיך דיין גלויבן,
אַז ס'האָט נאָך דאָס לעבן אַ ווערט...

וואָס מער דו בלוטיקסט אין וואונדן,
וואָס שאַרפער דו וויטיקסט אין פּיין,
אַלץ גיכער וועט חושך פאַרשווינדן,
און קומען וועט ליכטיקע שיין.

ווייל מיד איז דער מענטש שוין פון זאָרגן,
שוין זאַט מיט דעם בלוטיקן שפּיל...
ער לעכצט נאָך אַ זיכערן מאָרגן,
און חלומט פון רו אין דער שטיל.

# ווען

ווען אַ פרייד דיך באַפאַלט,
ווייל צעבליט איז דער וואַלד,
און דער הימל איז בלאָ —
ניט פאַרזאַם יענע שעה...

ווען דאָס רוישן פון בוים
ברענגט צוריק דיר אַ טרוים
פון אַ ליכטיקן בליק —
האַלט־אָן, פריינד, דאָס גליק...

ווען דאָס וואַסערל קוועלט,
מיט זאַנגען פול איז דאָס פעלד,
און דאָס האַרץ זינגט אין דיר —
יענע שעה, ניט פאַרליר...

יענע שעה'ן פון גליק
קומען קיינמאָל ניט צוריק.
שיינט שוין אויף אַמאָל דיין היינט —
ניט פאַרליר אים, מיין פריינד...

## פאַרפלויגן

פאַרפלויגן אַ שעה, אַ ליכטיקע שעה,
פון ליבע, פון פרייד און פון גליק.
טאָ קנייטש ניט דיין שטערן,
אומזיסט איז דיין מי —
וועסט זי ניט כאַפּן צוריק...

פאַרפלויגן אַ וואָרט, אַ בייזוויליק וואָרט,
אַ פלאַם נאָר פון איין אויגנבליק.
איצט מאַטערט חרטה,
און גיט ניט קיין רו —
קאָנסט עס ניט כאַפּן צוריק...

פאַרפלויגן אַ יוגנט פון חלום און וואָר,
האָסט דאַן ניט געוואוסט פון באַטריג.
ביסט רייכער אין וויסן,
שוין גרוי דיינע האָר —
קאָנסטו דען עס כאַפּן צוריק?

פאַרפלויגן אַ לעבן פון פרייד און פון צער,
דאָך חלומסט נאָך אַלץ פון דיין וויג.
און איבערלעבן וואָלסטו
געוואָלט דיינע טעג —
נאָר וועסט זיי ניט כאַפּן צוריק...

## פאַרפּלאָנטערט

ווי מאָדנע פאַרפּלאָנטערט ס'איז דער גאַנג פונעם מענטשן,
אַז קאָנסט עס גאָר זעלטן באַנעמען.
און וואָלסטו באמת פאַרשטאַנען דעם פּלאָנטער,
געהאַט וואָלסטו וואָס זיך צו שעמען.

פאַר ווילד־פרעמדן דו טוסט זיך אויספּיינען און שמייכלען,
דו רעדסט מיט אַ משל, אַ רמז,
און בייז איז דיין וואָרט צום נאָענטסטן און טייערסטן,
צו דעם, וואָס דו ליבסט מיט אַן אמת.

דאָס לעבן איז פול דאָך מיט טעגלעכע זאָרגן,
מיט קליינלעכע קריוודעס און האַסן.
און זיי, די געטרייסטע, פאַרגעסטו צו שוינען —
צו זיי לאָזסטו אוים דיינע כעסן...

און זעסטו ניט, באַגרייפסטו ניט, ווי דו האָסט דיינע יאָרן,
צו פרעמדע אַזוי ווילִיק געגעבן.
בעת דו האָסט דיינע ליבסטע, מיט טויזנטער סמען,
פאַרביטערט די טעג פונעם לעבן...

# דער זייגער

שטיל איז די נאַכט, צוועלף שוין דער זייגער.
רעיונות — זיי פליען אין קאָפּ.
הער איך דעם „טיק-טאַק" אויף מיין גלעגער,
און ס'האַרץ מיינס עס קלאַפּט צו צום טראָפּ...

טראַכט איך: ווי נאַריש ער איז, אָט דער זייגער,
וואָס יאָגט ער? וואָס איז זיין געאייל?
דורך טאָג, ווי דורך נאַכט, אויפן זעלביקן שטייגער.
— גענוג שוין! האַלט אָפּ זיך אַ ווייל...

קוקט מיר אָן טראָציק דער ציפערבלאַט-פּנים,
דער זייגער, ער רעדט איצט צו מיר:
— נאַריש, רופסטו מיך? עס ווייזט אויס אַפּנים,
אַז לערנען דאַרף איך גאָר דיר!

ווער נאָך, ווי דו, לייגט שווערע געוויכטן,
— די לאַסטן, וואָס ס'האַרץ טראָגט ביי דיר?...
וואָלסטו דען געקאָנט דאָס האַרץ דיינס פאַריכטן,
ווי איך, ווען אַ שרייפל כ'פאַרליר?...

שטאָלענע שרייפלעך, זיי לייכט איז צו בייטן!
צעקלינגט ער זיך פריילעך און לאַכט...
צעטראָגן זיך קלאַנגען, פאַרהילכן די ווייטן,
אַן עכאָ — אין שלאָפלאָזער נאַכט...

# מוזיק און וואָרט

וואָס איז דער צויבער, וואָס ליגט אין געזאַנג?
וועלכער וואונדער אין געטלעכן קלאַנג
פון טרויער און גליק —
ליגט אין מוזיק?

וואָס איז דער ציטער, וואָס פלאַטערט און וועקט?
וועלכער שטורעם רוישט מער נאָך, און רעגט
און צינדט־אָן דיין בליק —
אַזוי־ווי מוזיק?

דערפילסטו ווען בולט דעם ריטם פון טאַנץ?
וואָס מאַכט פיס זיך הויבן, פלעכט הענט ווי אַ קראַנץ?
אויף פליגלען פון גליק —
שוועבט פריידיק־מוזיק.

און ווער קאָן פאַרגעסן אַ מאַמעס אַ וויג־ליד?
ווי קערנער פאַרפלאַנצט אין זכרון — צעבליט,
דערמאָנט דיך אין וויג
די זיסע מוזיק...

פאַראַן דען אַזאַ תפילה, וואָס לייטערט דיין לייד?
נאָך טיפער פון טרערן און פרומער פון רייד —
וואָס באַרואיקט און קוויקט,
ווי תפילה־מוזיק?...

אָרעם ווערט ס׳וואָרט דיינס, זינלאָז, אָן האַפט,
ווען ווילסט עס פאַרמעסטן מיט שיינקייט און קראַפט
און הימלישן גליק —
וואָס דיר גיט מוזיק...

# אין קלעם

וואָס איז דער מענטש?
אַ ווערעמל אין גראָז,
אַ שטויב אין דער לופט,
אַ שוים-זייפנבלאָז,
אַ מילב קעגן פייער
וואָס דרייט זיך אין קרייז?
עס כישופט דאָס פלעמל
און מאָנט: — באַצאָל דעם פּרייז...

וואָס איז זיין לעבן?
ווי רויך, אַ קנויל.
אַ פליען, אַ יאָגן,
אַן אייביקער עול...
ער מיינט ר'איז אַן אָדלער,
גרוים זיין פאַרנעם!
צעלאָזט ער די פליגלען
און פאַלט גלייך אין קלעם...

איז פרייד אויך פאַראַנען?
פאַראַן אי פרייד אי גליק.
נאָר מענטש איז פאַרהאַוועט,
ער קוקט ניט אויף צוריק.
לייגט אַלץ אָפּ אויף שפּעטער:
— נאָך צייט, ס'איז נאָך צייט!
ביז עס נעמט טונקלען:
— פאַרפלויגן צו ווייט...

# אַלע גלייך

שפּאַנט אַ טרוימער דורך די ספערן,
ציילט פאַרחלומט הימלס שטערן.
און ציילנדיק אַזוי דורך יאָרן
האָט ער דעם חשבון גאָר פאַרלאָרן...

רעדט אַן אַלטינקער מיט שרעק:
— וויפיל נאָך פאַרבליבן טעג?
דוכט זיך, ערשט גענומען ציילן
און שוין אַכט־צענדליק יאָר מיר פעלן...

פאָרט אַ סוחר אויס אַ וועלט,
האַלט דעם טייסטער, ציילט דאָס געלט.
פירט ער אוצרות הין־און־צוריק,
אָבער ניט קיין אונץ פון גליק...

ציילט איינער הייזער וואָס ער בויט,
ציילט אַ צווייטער — ס'ביסן ברויט...
— — — — — — — — — — —
וואָס־זשע קומט אַרויס פון ציילן?
אַלע קריגן גלייך — פיר איילן...

## דער בלינדער

זיין אויג פאַרשטאַרט אין ווייטקייט,
ס'פּנים זיינס — ערנסט און בלאַס,
נאָר פּעסט האַלט אין האַנט ער דעם שטעקן,
וואָס קלאַפּט־אויס דעם וועג אים, דורך גאַס.

זיין קערפּער פאַרשטייפט, האַלב־געבויגן,
זיין טראָט — ווי ניט זיכער און שווער,
נאָר אָנגעשפּיצט איז זיין חוש־השמיעה
און שאַרפער כאַפּט־אויף זיין געהער...

ער שפּאַנט ווי פאַרטיפט אין מחשבות,
זיין אויג זעט דאָס ליכט ניט פון טאָג.
עס זעט אָבער אויך ניט דעם חושך
פון ביטערער נאַכטיקער פּלאָג...

# בלעטלעך

עס האָט דער ווינט צעבייזערט זיך,
צעיאָגט זיך מיט אַ ברום,
צעשאָקלט יעדן בוים און פלאַנץ,
צעפלאַטערט יעדע בלום.

צעטרייסלט אַלע בלעטעלעך,
צעוואָרפן און צעטראָגן.
פליען זיי ווי פייגעלעך —
דערשראָקן און דערשלאָגן.

קושן זיי די גרעזעלעך,
גלעטן יעדע בלום,
שטעלן אָפּ זיך צאַפּלדיק —
געזעגענען זיך שטום...

# אַ בלעטל אין ווינט

האָט אַ האַרבסטיק בלעטעלע,
געטריבן פון דעם ווינט,
געפלאַטערט אַרום שטאַם פון בוים —
גערעדט צו זיך געשווינד:

— אַט וועל איך אַ הייב טאָן זיך
נאָך העכער פון מיין בוים!
צו פליען מיט די ווינטעלעך
איז שוין לאַנג מיין טרוים...

און כ׳וועל אַלץ העכער טראָגן זיך,
ביז צו הימל-ספערן.
און דערלאַנגען כ׳וועל די זון,
לבנה און די שטערן.

נאָר דער האַרבסטיק בייזער ווינט
האָט דאָ זיך שטאַרק צעלאַכט,
אַ כאַפּ געטאָן דאָס בלעטעלע
אין פינצטערניש פון נאַכט.

און עס לייכט אַ הייב געטאָן
מיט חוזק אין דער הויך,
געטראָגן איבער דעכער, ווייט —
ביז צו קוימענס וואָלקן-רויך.

האָבן פונקען זיך צעיאָגט,
צעפלאַקערט און צעברענט.
פאַרבלענדט דאָס גאָלדן בלעטעלע,
פאַרשלונגען און פאַרלענדט...

# אין קרייז

עס דרייען אין קרייז זיך די בלעטער,
באַפאַרבטע אין שקיעה־זון שטראַלן.
אין האַרבסטיקער שעה, אין דער שפּעטער,
זיי פלאַטערן, פליען און פאַלן...

ווי בלעטער — געפלויגן די יאָרן,
כאָטש געהיט האָסטו זיי און געצערטלט.
אַ שפּאַן, און אַ האַלב־וועג שוין פאַרפאָרן,
אַ טראָט — און דיינע טעג שוין צעפערטלט...

דער בוים צאָלט מיט גאָלדענע בלעטער
זיין צינז פאַר די פריידן פון יאָר.
אין צאָרן פון האַרבסט־ווינט דערזעט ער
דעם אָנקום פון ווינטער גאַנץ קלאָר.

איז צייט דיר צו צוימען דיין שוועבן.
דיין ווייז־און־ווינד פאַרוועב אינעם וועטער,
מיט טרייסט פון אַ פאַרברייכן לעבן,
קאַלירפול, ווי האַרבסטיקע בלעטער...

## װינטער

גײט זיך דאָרט אַן אַלטער
אויף אַ שטעקן אָנגעשפּאַרט.
װי אַ טויב זײַן קאָפּ שוין גרוי,
דער קערפּער אויסגעדאַרט,

נאָר די אויגן — קלוגע,
בליקן װײַט אַװעק.
און די ליפּן מורמלען:
— אַ לעבן שוין אַװעק...

עט, די יאָרן לויפן!
זײ פליען װי דער װינט.
אין דעם קאַמף דעם שװערן
פון שפּײַזן ס׳הױזגעזינד;

װײניק גליק און פרייד געהאַט,
דערפאַר שוין צופיל צער!
ס׳האָט אויסגענוצט מיך ס׳לעבן,
אויסגעלאַכט דעם נאַר...

יאָגט אַ װינט אַ בײזער,
נעמט אים דורך אַ ציטער.
אויף די בײמער הױלע
װיגן דאַרע ריטער,

און אים דוכט, דער װינט דאָ
װײנט איצט אום זײַן װײ,
באַלד װעט ערד פאַרדעקן —
קאַלטער, װײַסער שניי...

— — — — — — — — —

שלעפּט זיך קוים דער אַלטער,
אויף שטעקן אָנגעשפּאַרט.
אויסגעשפּילט אַ לעבן —
װי אויף סטרונעס צאַרט...

# אַ לבנה־נאַכט

אַ הימל אַ קלאָרער, אַ בלייכער,
אַ פולע לבנה פאַרטראַכט.
אַ וואַסערל, האַלב שוין פאַרפרוירן,
אַ ליכטיקע, פראָסטיקע נאַכט.

שוין נאַקעט דיביימער, אָן בלעטער,
פאַרשיכורט אין שלאָף און אין רו.
עס וואַנדערט די שטילע לבנה,
זי בליקט דורכט זיך ווייט, ערגעץ־וואו.

וואָס זעט זי, די זילבער־לבנה?
פאַרוואָס אַזוי טרויעריק פאַרטראַכט?
זי זאָגט ניט, זי וועט ניט דערציילן,
איר ציל איז — באַלייכטן די נאַכט...

זי שלייכט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער,
טראָגט ליכט אינעם פראָסטיקן רוים.
דערפרייען זיך וועגן און שטעגן —
פאַלט זילבער אויף וואַלד און אויף בוים,

פאַלט זילבער אויף פעלד און אויף טייכל,
צינדט שטערן מיט גלאַנץ זיך און פראַכט.
צעשמייכלט זיך בלייך די לבנה,
אין לויטערער פראָסטיקער נאַכט...

## שניי

### א

פון די הויכע הימלען
פאלט א פוכקער שניי.
יאגט איין פליטערל דאס צווייטע
אין א ווילד געדריי.

פליטערל, דו פריילעכס —
וואס איז דיין געאייל?
ניט קיין פרייד דערוואַרט דיך אונטן,
האלט זיך אפ א וויל!

ווי קומסטו, הימליש־ריינער,
צו שווארצער ערד און שטיין?
ווייסטו דען ניט, קוים פאלסט ארונטער,
ועסטו גלייך צעגיין?

זע, פינצטער און פארדאַרבן
עס איז דער ערד־פלאנעט.
לויף צוריק צו דיינע הימלען,
כל־זמן ס׳איז ניט צו שפעט...

### ב

ווייס די דעכער, ווייס די הייזער
און די ערד — א טעפעך שניי.
שטייען ביימער ווי פארחלומט,
ווייס־באצירטע אין א ריי.

פאלן פליטערלעך — בריליאנטן!
פינקלענדיק אין זילבער־שפריי.
בלענדן זיי אזש מיינע אויגן.
טיפער, פוכקער הויכט דער שניי.

שפאן איך אין א וועלט פון צויבער,
טרעשטשעט אונטער פיס דער שניי.
פארבט א כישוף — ווייס, מיין מאנטל,
ווער איך אויך איינס פון זיי...

ג

פֿאַרמיאוסט איז דעם הימל געוואָרן
די פינצטערע ערד.
האָט הימל פֿאַרזאָרגט זיך,
אָן אויסוועג פֿאַרטראַכט און פֿאַרקלערט: —
ער וועט מיט זיין צויבער
אַ שאָט טאָן אַ האַנט־פֿול מיט שניי
אויף פליטערלעך, צאַרטע,
פול האָפענונג, אַ הויך־טאָן אויף זיי.

און גלייך האָט צעשימערט, צעפינקלט
אַ פוכיקער שניי.
אין זילבער, בריליאַנטן,
שימערירט האָבןביימער אין ריי.
די דעכער — באַפֿאַרבטע,
די פענצטער אין ווייסן דראַפירט,
די ערד — אין אַ טעפעך
אַ קלאָרן, אַ ווייסן, באַצירט...

ד

אָ, ליכטיקער, פריילעכער שניי!
די קינדערלעך, קליינע, דערפריי —
צעפלאַטער געשווינד,
אין שפיל ווי אַ קינד,
פליענדיק אין אַ געדריי.

אָ, שפרודלדיק־שטיפעריש־שניי!
באַפליגלטע שליטעלעך צוויי —
זיי פליען אַראָפּ,
פון באַרג אין גאַלאָפּ
מיט אַ הילכיקן פרייד־אויסגעשריי.

אָ, לויטערער, זילבערנער שניי!
גיס־אויס דיין בריליאַנטענעם שפריי.
און שפרייט־אויס דיין טוך,
נאָך ווייכער פון פוך,
די ערד אין דיין ריינקייט פאַרזיי...

# פאַרליבטע

ס׳האָט אין גאָרטן אַ זאַווײ
טיף פאַרשאָטן ערד מיט שניי,
איינגעהילט די ביימער ווייס,
קאַלט פאַרפראָרן בענק מיט אייז.

שטיל אַרום, קיין מענטשלעך קלאַנג!
ניט קיין שאָרך, ניט קיין פויגל־געזאַנג,
לבנה־שיין אויף שניי שעמערירט,
אין זילבער — ביימער אויסגעצירט.

פאַלט אַ סטעזשקע אין דער לענג,
אויסגעטראָטן צווישן בענק,
ציט עס זיך אין גאָרטן ווייט,
העט אַוועק אויף יענער זייט!

ס׳איז דאָס סטעזשקעלע גאָר שמאָל,
שניי אַ באַרג, און שניי — אַ טאָל.
פראָסט אַרום, שפּאַן איך גיך
אין די הויכע שטיוול־שיך.

נאָר דאָ בלייב איך פּלוצלונג שטיין!
— אויף אַ בענקל, גאָר אַליין,
זיצט אַ פּאָרל, שטיל פאַרטראַכט,
אין דער ווייסער ווינטער־נאַכט...

וואָס מיר שניי? ווער מיר קעלט?
וואָרעם איז זיי אויף דער וועלט.
זיצט מען איינגעטוליעט, שטום,
און מען האַלט זיך שטאַרק אַרום...

קער איך זיך אויף גיך צוריק:
— כ׳וועל ניט שטערן זייער גליק.
קוועלט לבנה, לאַכט צו מיר,
און באַגלייט מיך ביז מיין טיר...

# צו אַ פויגל

אַלע גאַסן איינגעפרוירן.
ס'גרינע גערטל ווייס־פאַרשנייט,
ס'האָבן ווינטן אויף די דעכער,
גרודעס הויכע אָנגעווייעט.

איילן מענטשן איינגעבויגן,
ציטערן אין פייכטער קעלט,
איז אַ פויגל אָנגעפלויגן,
אויף מיין פענצטער זיך געשטעלט.

אויסגעהונגערט איז דער פויגל,
אויסגעמאַטערט, קליין און שוואַך,
זוכט אַ קערנדל און נישטערט,
אויף דעם שנייעדיקן פלאַך.

גיט מיין האַרץ אין מיר אַ צאַפּל !
טוט עס מיך פון אָרט אַ הויב :
— כ'וועל אים ברעקלעך ברויט דאָ געבן,
נאָר דער פויגל ביי דער שויב,

האָט צעלאָזן זיינע פליגלען,
און צעפלאַטערט זיך אין שרעק —
אָפּגעפלויגן אָן אַן אָפּשטעל,
ווייטער, ווייטער אַלץ אַוועק...

ליבער פויגל, פויגל צאַרטער,
ס'ליגט אין פלאַטער דיין געוויין...
נִיט אַנטלויף איצט, קראַנקער פויגל,
וועסט אויף וועגן אונטערגיין...

האסט געזען דאס שלעכטס פון מענטשן ?
פון זייער רשעות טראכסט אצינד ?
ביסטו גרייט דיין לעבן שטרעקן,
צו פליען איצט אנטקעגן ווינט ?...

האב נאר צוטרוי, ליבער פויגל,
ס׳איז דער מענטש אויך קראנק און מיד.
ווען דיין קול ער וועט דערהערן,
זינגען וועט ער מיט דיר דיין ליד...

# ערב פרילינג

גאָלדיק שטראַלט צו מיר דער הימל,
לאַקט פון ווייט און רופט כסדר.
וויגט דער בוים און שפּרייט דורך פענצטער
ליכט און שאָטן אין מיין חדר.

ברייט צעעפן איך דאָס פענצטער,
ווערט דער הימל נעענטער, בלויער,
קומט אַ ווינטעלע אַנטקעגן
רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער:

— אוים! פאַרביי דער בייזער ווינטער.
אוים מיט זאַווערוכעס, שנייען.
ס׳וועט פון איצט די זון שוין שיינען,
ס׳וועט קיין שטורעם-ווינט מער ניט ווייען.

קוק איך אויף מיין קליינעם גערטל —
גרינט דאָס גראָז און ס׳שפּראָצן בלומען.
איבער נאַכט זיך גאָר צעעפנט!
— זע, דער פרילינג איז געקומען!

פּלוצעם הער איך אַ געלעכטער.
אָדער ס׳דוכט זיך מיר גאָר אוים?
ווערט דאָס ווינטעלע צעטומלט
און די זון באַהאַלט זיך אוים,

ווערט מיט וואָלקנס שוואַרץ דער הימל,
און עס האָגלט און עס שנייט.
מאַך איך איילִיק צו מיין פענצטער:
— אוי, צו פרי, כ׳האָב זיך געפרייט...

# פרילינג

עס פלאַטערט און גרינט שוין אויף ערד־פלאַך דאָס גרעזל.
עס קוויקט זיך ווי זויגלינג איבער מאַמעס ברוסט.
אַ זויג און אַ צאַפּל, אַ קוועלנדיק בלעזל
וואָס נערט און דערפרישט מיט לעבן און לוסט.

עס סודען זיך שטיל שוין די קנאָספּן אויף בייטן.
געבעט און דערוואַרטונג עס הערט זיך אַרום:
— עס זאָל נאָר קיין פראָסט ניט פאַרפרירן די קווייטן,
נאָך איידער ס'צעעפנט זיך די פרילינג־בלום...

און פרום ווייעט אַ תפילה אויף ציטערדיקעביימער:
— גאָט דו דערבאַרמדיקער! באַהיט אונדז פון שאָדן,
באַשירעם פון ווינטן, זיי אונדזער שומר,
כל־זמן מיר זיינען מיט בליאונג באַלאָדן...

ס'איז הויך אויפגעגאַנגען אין הימל ס'געבעט.
עס האָט דער באַשעפער די תפילות דערהערט.
און געשיקט אַ זון וואָס וואַרעמט און גלעט —
אַ פרילינג אַ ליבן געבראַכט אויף דער ערד...

# אַ זילבער־שטראַל

פרילינג האָט אַ זילבער־שטראַל
אויסגעגאָסן ווי אַ קוואַל,
ערד פאַרפלייצט מיט ליכט און שיין —
וויל ניט וויסן פון קיין פיין...

פרילינג האָט אַ כישוף־קלייד
איבער לאָנקעס אויסגעשפּרייט.
בוים אין בלעטלעך אויסגעצירט —
ביז צו טרערן מיך גערירט...

ס'האָט דער פרילינג יוגנט־גלאַנץ
אַריינגעהויכט אין יעדן פלאַנץ,
האָט יעדעס בלימל אויפגעוואַכט —
מיך געטראָפן, שטיל־פאַרטראַכט.

גרעזלעך שפּראָצן פריי אַרום,
בינען יאָגן זיך מיט זשום,
אַקאַציע־ריחות אין דער לופט.
אויך מיך — דער פרילינג לאָקט און רופט...

# זומער־לעב

פרישער בליענדיקער צווײַג,
פולער קערנדיקער זאַנג,
לאַנקעס גרינע אינדערמיט —
פּאַסטעכס שטילער פײַפל־קלאַנג.

ווײַסע געקרײַזלטע שאָף,
טײַכלס קילער וואַסער־פּלים,
וואַלד, פאַרזונקען האַלב אין שלאָף —
קאָרן־בלימלעך בײַ די פּיס.

פייגלס טרעלנדיק געזאַנג,
באַרג פאַרשפּיצט ביז הימל־בלוי,
טראָגן פרום צו גאָט אַ דאַנק —
טובלען זיך אין מאָרגן־טוי.

ווינטס מחיהדיקער גלעט,
בינ'ס זינגענדיקער זשום,
בלעטערס שושקענדיק געבעט —
סודות, סודות אומעטום...

# אַ רעגן

פעלדער מיד און מאַטע ליגן.
ווינטן פוילע, קוים זיי וויגן.
איינגעדאַרט איז יעדעס בלימל.
פלוצלונג כמאַרעט זיך דער הימל.

פייגל, ווי צעטומלט פליען,
איילִיק צו די נעסטן ציען.
נאָך פיל טעג פון שווערער היץ,
ליב איז זיי דער דונער־בליץ....

ס׳לויפן ווי דערשראָקן האָזן,
שפרינגעןן פלינקע דורך די גראָזן,
צו די טיפע ביימער־שפּאַלטן,
זיך פון שטורעם צו באַהאַלטן...

גיט אַ גאָס אַ שטאַרקער רעגן,
בויגן זאַנגען קעפּ אַנטקעגן.
בלומען האַלטן מיילער אָפן,
זאַפן דורשטיק יעדן טראָפן.

שטילט זיך רעגן, טראָפנס גלאַנצן
אויף דעם קאָרן, אויף די פלאַנצן.
בלומען הייבן קעפּלעך גלאַטע,
פעלדער פינקלען רייכע, זאַטע.

איבער הימל, רונד־געבויגן,
פאַרביק גלאַנצט אַ רעגנבויגן,
און אַ זון פון גינגאָלד ריינעם,
לאַכט אַראָפּ צו יעדן איינעם.

## יוגנט־גלי

ס׳פליען יונגוואַרג מיט געפּילדער,
מיט אַ פרייד און טאַראַראַם,
לויפן טאַנצנדיק זיך באָדן
אין דעם רוישנדיקן ים.

און אָט — אַ שפּרונג אין קאַלטן וואַסער!
גיט אַ פליעסק מיט יוגנט־גלי
קלינגט־אויף אַ שטיפעריש געלעכטער:
— כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי...

שווימט גראַציעז אַרום אַ מיידל,
ווי אַ נימף אויף וואַסער־דעק —
יאָגט איר גלייך אַ בחור איבער
און מען שוועבט, העט־ווייט אַוועק.

הייבט אַ כוואַליע זיך — אַ מויער!
גיבן חברה הויך אַ פלי!
שווימען מיטן שטראָם און לאַכן:
— כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי...

# קנאה

אויף מיין פענצטער,
אין בלומען־טעפּל,
איז אַ בלימל
היינט געבוירן.
שטאָלץ פאַרריסן
דאָס פרישע קעפּל
אויף די
אַנטקעגנדיקע מויערן:

— אַט־אַ־דאַ —?
האָט מיך מיין גורל,
אויסדערוויילט גאָר
אויפצובליען?
אַנטקעגן גרויען
ציגל־מויערל?
ווי לאַנג נאָך,
קען איך דאָ דען ציען?

ניט באַשערט מיר
אין דעם גאָרטן
צו בליען צווישן
שוועסטער־בלומען,
אונטער פרייע
הימלען דאָרטן,
פאַרנעמען פרייד
פון בינען־זשומען...

— — — — — — — — —

אין אַ וואַזע
אויף מיין טישל,
פאַרחלשט שטייט
אַ רויז אַ רויטע,
און מיט קנאה
צו בלום, דער פרישער,
זי בייגט איר קעפּל,
דאָס האַלב־טויטע...

# 3. ליכט און שאָטן

## צום דיכטער

ס׳איז שװער דיר, דיכטער מײַן:
דײַן האַרץ —— אױף פֿליגלען־צאַרט,
מעסט שטורעם און זונשײַן,
פֿלאַטערט, שװעבט און גאַרט...

ס׳איז שװער דיר, דיכטער מײַן:
דײַן האַרץ — װי אַ צאַרטע האַרף,
ציטערט־אױף אין פּײַן,
קלאַפּט־אָפּ דעם װײטיק שאַרף...

און אױך אין שעה פֿון שײַן:
דײַן האַרץ — װי סטרונעס, דין,
פּולסירט אין זיסן פּײַן,
װיברירט אַהער, אַהין...

# אין אויפגאַנג פון טאָג

ווי דימענטן שלייפסטו
און קלייבסט דיינע לידער,
דורך די פינצטערע נעכט
פון דיין לעבן.
און פאַר ליב נעמסטו אָן
דעם גורל, דעם בלינדן,
פאַרן חסד וואָס ס'לעבן
האָט דיר געגעבן...

נאָר ווען דער פרימאָרגן
ברענגט די ערשטע שטראַלן,
און דערזעסט אַ פּגימה
קעגן ליכט פונעם טאָג,
האָן הייבסטו אויפסניי אָן
די ווערטער צו שלייפן,
און כאָטש זיי פאַרלירן
אין מאָס און אין וואָג,
אָבער ס'פאַרבליבענע וואָרט
בלייבט עכט און ריין,
און בלאַנקט — אַ שמאַראַגד,
אין אויפגאַנג פון טאָג...

# נאַכט

נאַכט,
די גאַס ליגט אַ מידע פאַרטראַכט.
נאָך טומל און רעש פון דעם טאָג
גיט נאַכט דיך אַ טראָג,
אויף פליגלען פון רו און פון דרימל,
אַלץ העכער צום ליכטיקן הימל...

הויך,
פון קוימענס קיין פונק און קיין רויך.
עס דרימלט דאָס הויז און דער דאַך.
עס האָט דאָ די נאַכט
אין צויבער די גאַס אײַנגעהילט,
אין חלום די מענטשן פאַרשטילט.

שטיל,
לבנה שפּאַצירט איבער מיל,
און שיקט אירע שטראַלן אַרום —
אויף בוים און אויף בלום,
אויף טײַכל וואָס בלײַכט זיך אין חצות,
אויף מיל-רעדער, וואָס דרייען מיט ברויז.

בלוי,
די פלאַנצן, זיי פינקלען אין טוי.
זיי ציטערן, טריפן מיט טרערן,
ווי בריליאַנטן, וואָס ווערן
צעשימערט אין זילבער פון נאַכט,
ווי אַ קינד, צווישן טרערן, וואָס לאַכט...

מיד,
עס וואַנדלט לבנה און היט
די גאָלדענע זאַנגען אין פעלד,
ווען שניטער רוט מאַט אין געצעלט,
קלײַבט כוחות דורך שטילקייט פון נאַכט,
ביז מאָרגן אַ פרישער דערוואַכט...

# מאַך אַ וואַרע

גערעגן איז דער טייך האַלב אין דרימל,
רואיק און שטיל זיך געפלאָסן,
און הויך איבער אים האָט אַ הימל
מיט גאָלדענע שטראַלן געגאָסן.

און ליליעס ווייסע, ווי שוואַנען
אויף וואַסער-פלאַך האָבן געצויגן,
ווען פלינק ווי אַ הירשל, דורך לאַנען
איז זי צו דעם טייך אָנגעפלויגן.

די הענט ווי צוויי פליגלען צענומען,
און גלייך אין דעם וואַסער אַ שפּרונג!
פאַראוים צו די ליליע-בלומען
— געלייגט האָט זי קלאַפּטער מיט שוואונג.

דערוואַכט האָט דאָס טייכל דאָס שטילע!
צעשטורעמט פון מיידלשן גלי.
מיט פרייד האָבן וואַסערלעך קילע
פאַרנומען איר פלאַטער און פלי.

אַ יאָר-לאַנג געלעכצט האָבן שטראָמען,
דערוואַרט קוים די פריידיקע שעה.
זיי בלעזלען אַרום איר און שוימען:
— מאַך אַ וואַרע! זי קומט, זי איז דאַ...

# גלייכגילט

אזוי לאַנג געהאָפט האָסט
אויף היינטיקער פרייד!
אזוי פיל חלומות,
דורך יאָרן פאַרזייט,
און איצט, ווען געקומען
צו דיר איז דאָס גליק,
באַגעגנט גאָר האָסטו עס
מיט ניכטערן בליק.

אזוי לאַנג געפּלאַנט האָסט,
געבויט און געוואַרט.
אזוי פיל פאַרטראַגן,
געלעכצט און געגאַרט.
פונוואַנען־זשע קומט,
אָט דער גלייכגילט צו דיר?
ווען גליק שטייט אַנטקעגן
און קלאַפּט אין דיין טיר?...

— מיין פריינד, ס׳האָט דאָס לעבן
שוין צופיל אנטוישט!
צו אָפט האָבן בשורות
מיך, פאַלשע באַרוישט...
און איצטער אַנטקעגן
מיין גליק דאָ, איך טראַכט:
— צי האָט עס צומאָל ניט,
אַ שפּאַס זיך געמאַכט?...

## צום מאָרגן

אָ, פלאָג מיך ניט, מיין לעבן־גרוי,
פאַרלעש ניט ס׳לעצטע טראָפּן גליק.
נאָך לייכט דער הימל ערגעץ בלוי,
נאָך פריש און גלויביק איז מיין בליק.

ניט וועק אויפסניי מיין פיין און זאָרגן,
אָ לאָז מיך פריי צום גורל־בלינד.
וועל איך באַגעגענען דעם מאָרגן,
אַנטקעגן גיין דעם בייזן ווינט

וועל איך מיט קערנער, „ליכט און גלויבן״
פאַרזייען ווייט די שוואַרצע ערד.
אין בלומען ווייסע, ריין פון שטויבן,
דאָס לעבן בליען איז באַשערט.

און אויב באַשערט עס איז מיין לעבן
צום ציל, דעם ריינעם, ניט דערגיין,
וועל איך מיין בטחון איבערגעבן
צום איבערבלייב נאָך מיין געביין...

## יום־כפור

יום־כפור אין שול,
אינעם קיטל דעם ווייסן
שטייט דער אַלטער בעל־תפילה,
פאַרטיפט אין געבעט.
און מיט טרערן אין קול,
צום בורא ער רעדט:

— רבונו־של־עולם,
פאַרנעם מיין געוויין
און משפט מיט רחמים,
ווייל גרוים איז מיין זינד.
העלף, און פאַרגיב שוין
דיין אויסדערוויילט קינד...

און שטיל איז אין שול,
די מתפללים אַרום,
זיי שטייען ווי פאַרגליווערט,
די ליפן בלויז זאָגן.
בלאַסע, פאַרשמאַכטע,
זיי שאָקלען זיך פרום.
פון דער ווייבערשער זייט,
דערטראָגט זיך א קלאָגן...

דערהויבן צום הימל,
אין דמיונות פאַרטראַכט,
פאַרטיפט בלייב איך שטיין,
א נייַ גלויבן דערוואַכט:
— גאָט, באַהיט און באַשיץ,
דיין פאָלק אין דער נאַכט...

# אַ תפילה

א

אַ דאַנק דיר גאָט,
וואָס איך לעב
אין דיין געבאָט.
אין דיינע דרכים
פירט מיין טראָט.
אַ דאַנק דיר, גאָט.

איז גוט אַזוי,
וואָס כ׳באַנעם ניט,
אַלץ געננוי,
דיין גערעכטיק
וואָרט איך טרוי.
איז גוט אַזוי.

אין שווערער שעה,
אַ שבח צו הימלען
לויטער־בלאָ,
פאַר די נאָענטע
אַרום מיר דאָ,
אין שווערער שעה.

אַ דאַנק, אַ לויב,
פאַר דעם רעגן
אויף מיין שויב,
מיין ברויט צו דיר
מיט ברכה כ׳הויב:
— אַ דאַנק, אַ לויב.

## ב

פאַרנעם מיין תפילה, אָ הייליקער בורא!
דערלייז מיך, דעם מענטש, פון אייביקער מורא
פאַר בליי און אַטאָמען, געצילט אויסצוראָטן
דאָס לעבן אויף ערד, אין בלוט דורכגעקנאָטן...

אָ בורא, דו היטסט דאָך דעם מינדסטן וואָרעם!
האָסטו מיך באַשאַפן צו גראָבן נאָר קברים?
און ערד, צו פאַרדעקן צעשאָסענע ריפן?
פון לעבנס פאַרפייניקט מיט קללה אויף ליפן?...

אָ גאָט, דערפיל שוין דעם צער און דעם ציטער!
און לאָז שוין די ערד צום אַקערער, שניטער —
פאַר זאַנגען צעבליטע, און ניט פאַר פעלדער פאַרברענטע!
פאַר רחבות און שפע, און ניט פאַר היימען פאַרלענדטע...

אָ לאָז שוין דאָס פייער פון אומקום אונדז צאמען!
און גיב אונדז דעם שכל צו נוצן אַטאָמען —
פאַר שפּרודלדיק לעבן, געניס און געלעכטער,
פאַר ליבשאַפט און גלויבן, אין וועלט — אַ גערעכטער...

# פאַרהאַקט

אָ, ווייז מיר דעם וועג
צו די ליכטיקע ספערן,
וואו מען ווייסט ניט פון קיין ווייען
און פון ביטערע טרערן.
וואו עס הערשט ניט דאָס בייז
און דער האַס פון דער ערד,
וואו פוסטקייט און גאווה
פאַרמאָגט ניט קיין ווערט...

אָ, גיב מיר דאָס וואָרט,
וואָס זאָל פאַרווישן די שרעקן.
און צוטרוי אין האַרצן
פון מענטש-צו-מענטש דערוועקן.
עס זאָל ליבשאַפט און טרייסט
און האָפנונג צינדן,
ווי אַ ליכט אין דער נאַכט
אינעם חושך דעם בלינדן...

אָ, גיב מיר דעם כוח
דעם מענטש צו באַווייזן,
אַז די ערד דרייט אַרום זיך
אין אומצאָליקע קרייזן,
אַז זי האָט זיך אין שוואונג וואו
פאַרהאַקט אויף אַ ווייל דאָרט,
און זי וועט זיך בשלום
דערדרייען צום ריכטיקן אָרט...

## וואָס טראַכט ער?

### א

וואָס טראַכט דער אַלטער בוים אין וואַלד,
ווען אים צופוסנס בליט און קוועלט,
זיין יורש, דער יונגער בוים?

דערפילט ער אויך ווי מענטש אַ שרעק,
פאַר פאַרלוירן־נאָענטע טעג,
און פון אונטערגאַנג דעם תהום?...

### ב

וואָס טראַכט דער שטילער וואַסער־פּלים,
ווען רעגן־שטורעם האָט מיט ווילדן רים,
זיינע זעמדלעך ווייט־פאַרשווענקט?

צי ווייטיקט ער אין צופלוס־שטראָם,
וואָס יאָגט־אָן און בלעזלט זיך מיט שוים,
און צום נעכטן שטיל ער בענקט?...

# משלים

## א

רעדט מיט ביטול דאָס אויג צום האַרץ:
— פאַרוואָס אַזוי פאַרחושכט, שוואַרץ?
זינט נאָר איך האָב דיך דערקענט,
רק דו פלאַטערסט, רק דו ברענסט!
נאָר דו קרעכצסט און נאָר דו רעגסט,
רק דו לעכצסט און דו וועקסט.
טרעפט אַן אומגליק, גאָט באַהיט,
זאָגט מען גלייך — דאָס האַרץ זיך היט!
און מען ציטערט איבער דיר,
מען פאַרגעסט אַפילו צו דערמאָנען מיר...
א י ך בין ד ע ר , וואָס דערזעט,
ווען דאָס גוטס צי שלעכטס געשעט,
און ווען, חלילה, די צרות מערן —
ווער פון אונדז פאַרגיסט די טרערן?

ענטפערט ס׳האַרץ מיט שטילן נויג:
— אמת, דערזעסט בליץ־שנעל, מיין אויג.
און ווען דאָס לעבן דריקט צו שווער,
גיסטו אוים דערביי אַ טרער.
און אויף טרערן ביסט ווייט־ניט קאַרג!
טראָגסט זיי אָפן אויף דעם מאַרק...
וואַשט זיך אוים אין טרער דיין בליק,
און דערלייכטערט דיך צוריק...
צי קען, אָבער, אַן אויג דערפילן
דעם פלאַטער פון דעם האַרץ דעם שטילן?

און פינצטער וואָלט די וועלט געוואָרן,
ווען ס׳וואָלט דער מענטש זיין האַרץ פאַרלאָרן...

## ב

עס יאָגן זיך מענטשן און שוועבן.
זיי זוכן אַן אינהאַלט, אַ ציל
ביים לייטער ביים הויכן פון לעבן.
נאָר ליידער — דערגרייען ניט פיל...

גליקט איינעם שוין עפּעס דערגרייכן,
און טראָגט ער זיין ערלעכן בליק
אַרויף, צו די ליכטיקע הייכן —
ער וועט שוין געפינען זיין גליק...

אַ צווייטן גייט אַנדערש ביים לייטער:
ער האָט קוים אַ שטאַפּל דערגרייכט,
און שוין פון זיינע גרויסקייטן רעדט ער.
ער האַלט אַז ער איז שוין דערהייכט.

און וועגן די מענטשן, דאָרט אונטן,
מיט גדלות און ביטול ער שפּאַסט.
אָט דער, וועט אַ פאַל־טאָן צו גרונטן,
נאָך שווערער — מיט צענפאַכער לאַסט...

ברכה סטאָלאָווי

# גאָלדענע רענדלעך

„פלי־זשע נשמהלע נידריק
אַרום דער לעבעדיקער וועלט״.

— י. ל. פרץ — „די דריי מתנות״.

עס פליען נשמהלעך צוויי
אַראָפּ צו דער לעבעדיקער ערד.
צווישן הימל און ערד אין געדריי
רעדט איינס צום צווייטן פאַרקלערט:

— מיך האָט מען באַלאָדן מיט גאָלד,
מיט שטיינער־בריליאַנטן באַשווערט.
מיין שליחות כ׳וואָלט טיילן געוואָלט
מיט דיר אויף דער פינצטערער ערד.

וואָס טויג מיר דאָס רענדל וואָס שיינט?
אַז קאַלט ס׳איז, האַרצלאָז און שווער?
אַן לעבן, אַן טרייסט פאַר אַ פריינד,
אַן ליבע, אַן פרייד און אַן טרער...

אָבער דיר איז באַצייכנט צו טראָגן
אויף ערד גאָר, אַ האַרץ פול מיט גלויבן.
אָ, ווען איך וואָלט דאָס האַרץ דיינס פאַרמאָגן!
די ערד כ׳וואָלט צום הימל דערהויבן...

און אָפּגעמאַכט האָט מען ביים שיידן,
זיך צו טרעפן אויף זינדיקער ערד,
צו לערנען וואָס ס׳לעבן האָט ביידן
דורך יאָרן פון גורל באַשערט.

אויף ערד זיינען יאָרן פאַרגאַנגען.
צוויי מענטשן באַגעגענען זיך ענדלעך.
האָט איינער, ווי אין כישוף געפאַנגען,
געזען און געציילט נאָר די רענדלעך...

דער צווייטער האָט ס׳האַרץ צוגעטראָגן
דער וועלט עם מיט ליבשאַפט געבראַכט.
זינט דעמאָלט טייל מענטשן פאַרמאָגן
די הערצער, און אַנדערע — שטיינער און מאַכט...

# דיין טרויער

[גיטל ציטרין — אין טרייסט]

עס איז דיין ליפּ פאַרשלאָסן,
אויף דיין ברעם, אַ טרער.
פול דאָס האַרץ, פאַרגאָסן,
ווייטיקט אָן אויפהער...

און אָפּטמאָל אין פאַרנאַכטן,
ווען אַלץ אַרום דיר קווועלט,
איך זע דיך אַ פאַרטראַכטע,
פאַרזונקען אין דיין וועלט...

אויף דיין בלייכן פּנים —
קיין שטראַל, קיין טראָפּן פרייד,
בלויז טיפע ווײ־סמנים,
פון שאַרפן פּיין און לייד.

שיינט דער הימל בלויער,
ציען וואָלקנס שוואַרץ,
אַלצאיינס נאָגט דיין טרויער,
ציטערט אין דיין האַרץ...

# דיין וואָרט

ווען דו מאָלסט מיט באַפליגלטע רייד
אידייען אין זילבער־באַשייד,
באַטראַכט זיך, מיין פריינד, אינדערשטיל:
— צי לעבסטו אַליין אין דעם ציל?
אָדער איז עס ביי דיר אַזאַ שפּיל?

ווען דו פרייִדיקסט פריינטשאַפט און גליק,
צוערשט ווענד אויף זיך אָן דיין בליק,
און פרעג זיך, צי וואָלסטו אין נויט
געטיילט זיך מיט לעצטן ביסן ברויט,
אָדער האָסטו ווערטער בלויז, שיינע, געבויט?

און טיפער באַקלער זיך, מיין פריינד,
דער הימל, ער רעדט ניט — ער שיינט...
ווען אמתדיק הויך טראָגסט דיין וואָרט,
וואָלסטו חשד'ן און שפּאָט זיך פאַרשפּאָרט
און אפשר — דערגרייכט עפּעס פאָרט...

# אין שווערער שעה

## א

עם פאַלט מיר היינט דאָס לעבן שווער.
יעדער מענטש — געמיין.
יעדעס שפּילקעלע — אַ שפּיז,
אַ הויפן זאַמד — אַ שטיין...

ווערט פון מילדן ווינטעלע
אַ בייזער שטורעם-ווינט.
דריקט מיך פינצטערניש פון נאַכט —
וויין איך ווי אַ קינד...

## ב

שוואַרץ דער הימל, אָן אַ שטערן,
פייכט דאָס גראָז, באַדעקט מיט טוי.
אויף די פלאַנצן, טראָפן טרערן
טריפן טרויעריק און גרוי.

ציט און שפּרייט זיך חושך-כמאַרע,
יאָגט-אָן ווינט מיט בייזער קעלט.
— וואו-זשע זייט איר, שטערן קלאָרע?
קומט, באַווייזט זיך אויף דער וועלט!

הימל הייבט-אויף אַ ברעם, אַ וואָלקן,
ווי אַ פאָרהאַנג — דורכזיכטיק דראַפּירט,
טויכט-אויף די נאַכט אויף הימל-באַלקן
איר קלייד, פול-שטערנדלעך באַצירט...

# מלחמה

עס האָט זיך געטראָגן אַ וואָרט
מיט שטורעם און רוגזה דורך נאַכט.
דורך חושך דאָס שענסטע צעשטערט,
געדורשט — באַלאָדן מיט מאַכט...

מלחמה, דאָס ביטערע וואָרט,
האָט מרחקים צו יאָמער געבראַכט.
אַ וועלט אין יללות געמערט
און חוצפּהדיק, ציניש געלאַכט...

עס האָט אינדערפינצטער דאָס וואָרט
די וועלט שיער צום אָפּגרונט געבראַכט.
האָט מענטש זיך דערפון אָפּגעקערט?
האָט וועלט וואָס געלערנט דורך נאַכט?

# בליען בלומען

צווישןביימער, טיף אין וואַלד,
שטייט אַ פּאַלאַץ, רייך און אַלט.
הויך די באַלקנס, קינסטלעך־שיין,
וואוינט אַן אַלטער דאָרט אַליין.

שטיל, געררוים, חדרים פיל,
שאַרכן איינזאַם פיס אויף דיל...
פריש געפאַרבט דאָס הויז, דער דאַך,
טיר און פענצטער צוגעמאַכט...

איינגעפלאַנצטע ביי דער זייט,
ציען בייטן בלומען ווייט,
ווי סאָלדאַטן אין אַ ריי,
וועמען־זשע דערפרייען זיי?

און ניט ווייט פון דאָרט אין וואַלד,
שטייט אַ חורבהלע אַן אַלטס.
פריי און אָפן שטייט די טיר,
דאָרט שפילן וועכטערס קינדער פיר.

בליען אין דעם שטיבל דאָרט
בלומען פון אַן אַנדער סאָרט:
אַ מאַרגאַריטקע, אַ ליליע, אַ רויז,
אַ וויאָלעט אויף מאַמעס שויס.

שפרייזט דער וועכטער אויף די שטעגן,
לויפן בלומען פיר אַנטקעגן...
ס'איז אים קיין אַרבעט ניט צו שווער —
ווער איז דען רייכער פון אים, ווער?...

# קינדער־שפּיל

ס׳שפּילן קינדערלעך ביים ים־ברעג
אַנטקעגן זון, אין יולי־טאָג.
האַלט אַ יינגעלע אַ רידל,
גיט אַ פּאָך מיט דעם און זאָגט:

— לאָמיר אַ פּאַלאַץ דאָ בויען!
אויפן פייכטן זאַמד ביים ברעג,
איך וועל אויפשטעלן אַ טורעם
און איר וועט פלאַסטערן דעם וועג.

וועלן זעמדלעך זיך פאַרוואַנדלען
אין בריליאַנטן אָן אַ שיעור,
וועלן קעגן זון שימערירן
דורך יעדן פענצטער, יעדער טיר.

האָבן חברה זיך פאַרנומען,
שווער געאַרבעט און געשוויצט.
ניט געפילט האָבן די בויער,
ניט די מידקייט, ניט די היץ.

און אָט הייבט זיך שוין אַ פּאַלאַץ!
ס׳שטאַרצט אַ טורעם הויך און גרויס,
טיר און פענצטער, קאָרידאָרן,
ציען זיך צום ים־ברעג שויס.

שטייט נאָך אַלץ דער ערשטער בויער
מיט זיין רידל אין דער האַנט,
און באַוואונדערט שטאָלץ זיין שאַפונג,
ווען אַ כוואַליע ווי אַ וואַנט,

גיט אַ לאָז זיך מיט אַן אימפּעט —
קראַכט דער פּאַלאַץ ביי דעם ברעג,
און צעטומלט שטייען בויער,
זייער חלום וויַיט אַוועק...

## אַ הײם

אַ גאַס, און אַ שטיבל, ניט גרויס.
אַ הײם, כאָטש אַ װינקעלע בלויז...
אַ מאַמע, איר קינד אויפן שויס.

אַ שאַנק, אַ קאָמאָד און אַ שפּיגל,
אַ טישל, אַ בעט און אַ װיגל,
אַ חדר פֿאַר זיך אויף אַ ריגל.

כאָטש אָרעם און קלײן איז דאָס הויז,
דאָך קװעלט דאָרט די ליבע אַרויס,
אַ ברכה דעם קינד אויפן שויס!...

# היינט איז דיין טאָג

מיין טאָכטער יהודית — א מתנה.

נעכטן איז מיין טאָג געווען.
ער האָט מיט רעש באַגעגנט מיך,
צעלויכטן און צעבליט.
און איך האָב, ווי א פלאַטערל,
די פליגלען מיינע אָפּגעבריט.
מיין טאָג פארלאָרן און פארזען...
און היינט — דערשלאָגן איך שטיי,
צום חושך צום בלינדן, צוגעשמידט...

היינט איז דיין טאָג, מיין קינד.
עס פינקלען, רופן פייערלעך,
און לאָקן ערגעץ־ווייט...
ניט לאָז, מיין קינד, פארבלענדן זיך,
פארנאַרן פון דער צייט.
נוץ־אוים, געניס, דיין היינט אצינד.
פארגעס נאָר ניט אין מאָרגן —
מיין גורל, ביטערן, פארמייד...

# ניו־יאָרק

ניו־יאָרק מיט איר רייכקייט,
עלעקטרישער שיין.
אַ וועלט פול מיט פריידן,
אַ וועלט פול מיט פיין.

די גאַסן — פאַרשיידן:
דאָ רחבות און פּראַכט,
דאָרט חושך און דחקות,
ווי פינצטערע נאַכט...

דאָ טייערע פּאַלאַצן,
פּאַרק־עוועניו גלאַנץ!
מען זוכט פאַרגעניגן,
טעאַטער און טאַנץ.

מען שמועסט פון וואַקאַציעס,
פון פערדלעך־געוועטן,
פון טייערע מאַנטלען,
פון חתונות און גטן...

דאָ פירן לימוזינען
צו אָפּערעס, בעלער,
בריליאַנטן צו באַווייזן,
וואָס פינקלען דאָ העלער...

און קאָנסט קוים באַנעמען,
אַז אָט דאָרט, ניט ווייט,
פאַרצערט ווערן מענטשן,
אין נויט, פאַר דער צייט...

# אויף דער באַוערי

ביינאַכט אויף דער באַוערי —
ס'איז אָפּגעלאָזט, ענג.
עס ציען סאַלונען
אַ ריי אין דער לענג.

און מענטשלעכע לעבנס
אויף דער אָרעמער „איסט" —
זיי צאַנקען און וועלקן
אין רינשטאָק, ווי מיסט...

אָט עפנט אַ טיר זיך,
אַ מענטש גיט אַ טראָט,
אַ שאָקל, אַ גליטש זיך —
שיכור, ווי לוט!

זיין קליידונג, זיין פּנים —
צעקנייטשט און פאַרגעלט,
די אויגן פאַרלאָפן,
דאָס מויל רעדט און שעלט:

גיב, ברודער, אַ ניקל,
צום טייוול דאָס געלט!
נאָך היינט ניט געגעסן,
איך ציטער פון קעלט...

און דאָ שטייט אַ צווייטער
האַרט ביי דער וואַנט,
האַלט אָן זיך אין מויער
מיט ציטערדיקער האַנט.

עס מורמלען די ליפּן
פאַרשיכורט און בלאַס.
אַ װאַקל — ער ליגט שוין
אין בלאָטע אויפן גאַס...

— — — — — — — —

װאָס האָט זיי געבראַכט דאָ?
דערשלאָגן, האַלב-טויט;
אַ שװערע אַנטױשונג,
צי ביטערע נויט?...

# איינער אליין

אַ שטאָט אַזאַ גרויסע,
די גאַסן — ווי שיין,
און דו, אין דיין עלנט,
שפּאַנסט איינער אַליין.

צעפינקלטע שילדן —
זיי צינדן די נאַכט.
רעסטאָראַנען און קראָמען,
צעלויכטן אין פּראַכט.

טעאַטער-אַפישן,
שוישפּיל, עלעגאַנץ!
האָטעלן, נאַכט-קלובן,
מוזיק און טאַנץ.

אַ וועלט דאָ מיט מענטשן
באַוועגן זיך גיך,
און יעדער באַזונדער
אַ וועלט איז פֿאַר זיך.

און טויזנטער אויגן,
און יעדער דיר פֿרעמד!
דו גייסט אויף די גאַסן,
אַליין ווי פֿאַרשעמט...

וואָלסט אָפּשטעלן וועמען!
אַ וואָרט זאָגן בלויז,
נאָר ס'באַמערקט דיך ניט קיינער,
שפּאַנסט ווייטער פֿאָראויס.

באַפֿאַלט דיך אַזאַ אומעט,
אַז קאָנסט ניט פֿאַרשטיין:
— צווישן טויזנטער מענטשן
אַזוי זיין אַליין?...

אַ שטאָט אַזאַ גרויסע,
דער מענטש — אַזוי פֿרעמד!
און דו, אין דיין עלנט,
אַליין און פֿאַרקלעמט...

# וואַקסט אַ שטאָט

אין דער שיינער, רייכער שטאָט
וואַקסן מויערן ריזיק-גרויס.
שטייט אינצווישן, ווי פאַריתומט
אַן אַלט-פאַרלאָזן, צעבראָכן הויז.

שטייט אַ הויז זיך דאָרט, א חורבה!
צוימט אַ פאַרקן עם אַרום,
האָרט ביים פאַרקן, אַ קליין ביימל,
ווי פאַרשולדיקט בייגט זיך קרום...

לאַכן, דוכט זיך, הויכע מויערן,
חוזק'ן פון אַלטן הויז.
ווערט דער צער פון אָט דער חורבה
שאַרפער נאָך און טאָפּל-גרויס.

טראַכט דאָס אָרעם הויז, דערשלאָגן:
דאָ פעלט אַ טיר מיר, דאָרט — אַ שויב,
איך שטיי דאָ הפקר און צעטראָגן,
אויסגעשטעלט צום ווינט און רויב...

אַנדערש איז עס דאָ געווען
אין מיין לעבן פון אַמאָל:
אויסגעפּוצטע היימען שיינע,
מיט ביימער און בלומען אָן צאָל...

היינט, אויסגעהאַקט און אויסגעוואָרצלט
האָט די שטאָט זיי איינס נאָך איינס,
בלויז איך, אַ חורבה, בין פאַרבליבן,
און בלויז אַ ביימעלע אַ קליינס.

וואַקסן איצטער דאָ פאַבריקן,
קראָמען בליִען אין דער שטאָט,
זשומען מענטשן ווי מאַשינען,
איינגעשפּאַנט אין לעבנסראָד...

מורמלט ס'הויז שטיל: נו, פאַרפאַלן!
שוין געציילטע מיינע טעג,
ענטפערט אָפּ פאַרבענקט דאָסביימל:
— צייט צו גרייטן זיך אין וועג...

# אין סאַבוויי

פייכט און גרוי טויכט-אויף דער מאָרגן.
פול-געפּאַקט די סאַבוויי-בענק,
קעפּ אויף קעפּ, ווי שאָף אַ סטאַדע
פאַרט מען איינגעקנוילט און ענג.

זיצט אַן אַלטער דאָרט און דרעמלט.
בלאַס איז ס'פּנים זיינס און מיד,
אים אַנטקעגן — אַ יונגער בחור
פייפט זיך פריילעך אוים אַ ליד.

שפּאַרט זיך פּלייצע איבער פּלייצע,
האַלט די צייטונג דאָרט — אַ האַנט,
הענגט אַ מיידל אויף אַ רימען,
טראַגט אַ געגעץ זיך, ביים וואַנט.

און די רעדער רוישן, יאָגן,
שטעלן אָפּ זיך אַלע וויל.
טירן שלינגען און פאַרטראַגן
מחנות מענטשן אין געאייל.

טראָגן קולות זיך מיט צאָרן:
— שטופּ ניט! — לאָז מיך גיין פאַרביי!
וואַרפט די טיר אַרוים זיי ביידן,
און עס שטילט זיך איין אויפסניי.

אויף די ווענט — רעקלאַמע-בילדער:
„מיין ביר איז געמאַכט פון די בעסטע האָפּן".
אַן אַנדער בילד דאָרט שמייכלט מילדער:
„מיין קאַווע איז גוט, ביזן לעצטן טראָפּן".

מאָרגן־שלאָף אויף יעדנס אויגן,
מאָנאָטאָנער סאָבוויי־קלאַנג.
איינס צום צווייטן, צוגעצויגן
שטייט אַ פּאָרל אין געדראַנג.

ליפּן שמייכלען, אויגן רייִדן!
ס׳פינקלען ציין ווי ווייסער שניי.
ס׳קאָן אויך סאָבוויי זיין — גן־עדן,
פאַר פאַרליבטע הערצער צוויי...

# אַנטקעגן שפּיגל

אין דער „לאָבי" פון האָטעל
בלאַנקט אַ שפּיגל, זילבער־העל.
מענטשן קומען, מענטשן גייען,
שפּיגלען אַפּ אי פרייד אי ווייען.

קומט אַ מיידל אָן פון וואו —
פאַרבט די ליפּעלעך זיך צו.
רעדט דער שפּיגל, דוכט זיך, ווערטער:
— זע, דאָ וואַרט ער, דיין באַשערטער!

ס'ווערט דער מינדסטער קער און בויג
ניט פאַרהוילט פון שפּיגלס אויג —
צער, אַנטוישונג, בליאַסק און שוואונג,
מיאוס און שיין, אַלט און יונג...

ער שפּיגלט אָפּ אַ טרער ניט זעלטן,
האַס און שנאה — טויזנט קעלטן!
כאַפּט־אויף אַמאָל אַ ליב געלעכטער,
אַמאָל אַ האַנט־דרוק, אַ פריינטלעך־עכטער.

עס פּולסירט די גרויסע שטאָט!
ס'דרייט זיך ס'לעבן ווי אַ ראָד.
יאָגט דער מענטש זיך אַ צעגליטער,
הענגט דער שפּיגל — אַ צוגעשמידטער...

דורך די טעג — קיין צייט צו קלערן!
כאַפּט ער אויף, אי פרייד, אי טרערן,
נאָר ווען מענטש שלאָפט־איין — דער שפּיגל וואַכט.
גלאָצט אין פינצטערניש פון נאַכט...

# אַן אַמעריקאַנער ישיבה־בחור

ער זיצט איבער גמרא געבויגן,
די ליפּן אין שטילן געזאַנג.
ווי זונען צוויי ליכטיקע אויגן,
ער לערנט און חקרנט זיך לאַנג.

די הענט ווי אין אַ טענה צענומען,
אַ קאַפּל אויף פּעך־שוואַרצע האָר.
אַ פּלפּול — שווער בייצוקומען,
ער פּשטלט, ביז אַלץ ווערט אים קלאָר.

עס פאַלן דורך פענצטער די שטראַלן
און שפּרייטן ליכט־פּאַסן לענג־אויס.
און ער שעפּט פון דורותדיקע קוואַלן,
די חכמה פון ספרים, דאָ אין קלויז...

— — — — — — — — — — —

צי האָט מיך זיין יוגנט באַוואויגן?
זיין גלויבן, אַזוי איידל און שיין?
צי דער חידוש, וואָס ס׳זעען מיינע אויגן,
אין לאַנד דאָ — דעם יידישן חן...

# דער זיווג

[אַ פאָלקס־מאָטיוו]

אָ, טאָכטער מיין,
וואָס וועט זיין?
שוין צייט זיך צו באַקלערן:
ס'איז שוין ווייט
די עכסטע צייט
דו זאָלסט אַ כלה ווערן.

אַז זוכסט ניט קיין ציל,
נאָר זיצסט זיך שטיל
פאַרטראַכט אַזוי, באַשיידן.
און חלומסט נאָר!
איז אפשר גאָר
אַ שידוך דיר איצט ריידן?

ס'האָט נעכעלע
איר מעכעלען
באַגעגנט דורך אַ באַקאַנטן.
ביי ריוועלען
און קיוועלען
שוין קינדער צוויי, בריליאַנטן!

איז אפשר גאָר,
זאָל זיין דיין פּאָר
דער אַלמן משה־נתן?
כ'האָב זיך באַקלערט,
אַז ס'איז באַשערט
פון הימל דיר דער חתן...

ר'האָט קינדער גרוים?
דאָס מאַכט ניט אוים!
שוין צייט דיין לעבן בויען!
ס'איז ניט קיין תוך
צו זיצן נאָך —
ביזן צאָפּ דעם גרויען.

עס איז אַ זינד
צו זיצן, קינד,
אַליין מיט זיך פאַרטרויערט.
דאָס מזל דיין
וועט טאָן אַ שיין
צו דיר דורך טיר און טויער.

דו וועסט זיין רייך!
און וואָס איז שייך
ליבע? — שיינע־ראַכע,
אַ זיווג ווערט
פון גאָט באַשערט!
וועט זיין מיט מזל־ברכה...

# אַ בוים

[אַ מתנה קעמפּ־בויבעריק]

געשטאַנען דער בוים איז אין שווייגן,
די בלעטער געווענדט צו דער זון,
און ווייט־אויסגעשפּרייט זיינע צווייגן,
אַ שאָטן געוואָרפן אַרום.

אין תמוז־זון הייסער, אַ מאַטער,
האָט מענטש זיך צו בוימס־שוים געצויגן.
האָט בוים זיינע צווייגן צעפלאַטערט,
ווי אַ פעכער געוויגט זיי, געבויגן...

און מענטש האָט מיט תענוג פאַרנומען
דעם מאַמעשן גלעט פונעם בוים,
נאָך רו אין זיין שאָטן געקומען,
וויכוחים געפירט אינעם רוים.

אַמאָל האָט אַ דיכטער מיט ציטער
אַ ליד דאָרט געלייענט אינדערשטיל;
געהאָרכט האָט דער בוים, אַ צעבליטער,
זיינע צווייגן געשאָרכט מיט געפיל...

און רייד פון חכמה און חידוש
מען האָט אין מרחקים געשפּרייט,
און געקלונגען האָט שוין ס׳לשון־יידיש!
— אַ ווינקל, אַ היימישם, פאַרזייט...

— — — — — — — — — — —

אַ דור שוין זינט דעמאָלט פאַרגאַנגען,
בוימס צווייגן ציען ברייטער און העכער,
און מענטש, אין זיין חכמה געפאַנגען,
געפינט אָפּרו אונטער צווייגן ווי פעכער...

# לערן, קינד מיינס

לערן, קינד מיינס, לערן
די יידיש-ליבע שפּראַך,
אין לעבן, אין דעם שווערן,
ס׳וועט געבן דיר אַ סך.

די שפּראַך וואָס האָט דורך דורות
געוואַנדערט מיטן ייד.
אין פּיין און אין מורא,
געוואָרעמט און געגליט...

אָ, לערן קרוין מיין, לערן,
די היימיש-ליבע שפּראַך.
וועסט אין אונדזער וואָרט באַגערן
דעם יידנס קרעכץ און לאַך.

יידיש וואָרט, ווי טייערער וויין,
אויף דיין יום-טוב-טיש וועט פליסן.
ס׳וועט דורך צער און אויך דורך פּיין
דיין לעבן דיר פאַרזיסן.

און ווען וועסט עלטער ווערן,
ביז דיין טאָג דעם שפּעטן,
וועסט אין לשון דיינס פאַרערן
דיינע זיינגער און פאָעטן.

איז לערן, קינד מיינס, יידיש
און שפּין דעם פאָדעם גאָלד.
אין חכמה, פול מיט חידוש,
וועט זיין דיין שכר באַצאָלט...

# שיינדעלע

יונג און פריילעך, פול מיט לעבן
איז די שיינע שיינדעלע.
גייען טאַקע אַלע יינגלעך
אוים נאָך אירם אַ חנדעלע.

פעך־שוואַרץ זיינען אירע לאָקן,
און ווי קאַרשן אייגעלעך.
עפנט זי איר מויל צום זינגען,
הערסט גן־עדן פייגעלעך.

אויפן וועג אַהיים פון הויך־שול,
באַגלייטן זי בחורימלעך.
יעדער וויל מיט איר בלויז רעדן,
אין די אויגן — שטורעמלעך...

טראָגט איר איינער נאָך איר ביכל,
אַן אַנדערער — איר מענטעלע.
און דער שענסטער, דער פאַרליבטסטער,
האַלט איר זיידן הענטעלע.

דעם אַ וואָרט, און דעם אַ שמייכל,
און זי פאַרשווינדט גלייך הינטער טיר.
בלייבן אַלע ווי אין אַ חלום,
מ׳גיט פון אָרט זיך ניט קיין ריר...

ס׳האָט זיי אַ כשוף אָפּגעטאָן
די ליבע שיינע שיינדעלע,
מיט איר שטיפן, מיט איר לאַכן,
מיט איר זיסן חנדעלע...

# 4. שפּאַסערייען

# גוטע פריינט

איך ליג אין בעט מיט פיבער קראַנק,
זיינען טעג ווי יאָרן לאַנג.
קומען גוטע פריינט צו מיר —
עס פאַרמאַכט זיך ניט די טיר.

זאָגט זיך איינע: — פיין, זייער פיין!
קראַנק ביסטו געזונט צו זיין?
וואָס הייסט לייגן זיך אין בעט?
האָסט אַ קרענק זיך איינגערעדט.

רעדט אַ צווייטע: — גוט פאַר דיר!
ווען דו נעמסט אָפּטער אַ שפּאַציר
און יעדן מאָרגן, אַ קאַלטן שפּריץ,
וואָלסטו ניט קראַנק געווען מיט היץ!

אַ דריטע לאָזט איר צונג גיין פריי:
— וואָס איז דאָ ס׳געררעדעריי?
כ׳האָב אַ פריינד, ניט דאָ געדאַכט,
אַזוי פאַרלאָרן איבער־נאַכט...

גיסט מיר אָפּ אַ קאַלטער שוויים,
און מיין קאָפּ ווערט פייער־הייס.
און ניט מיט מיין קול שריי איך אויס:
— מערדער! טראָגט זיך אָפּ! אַרויס!!!

# זיך פֿאַרגעסן

צווישן באַקן, צווישן קאָכן,
צווישן שבת און אינדערוואָכן
שרייב איך לידער, שרייב און מעק,
שרייב איך לידער אָן אַן עק...

גיט מיר ווער אַ בייזן בליק,
טוט מיר גלייך אין האַלדז אַ שטיק,
ווערן אויגן פול מיט טרערן,
וועט פון דעם אַ ליד שוין ווערן...

שענקט מיר ווער אַ פריינטלעך וואָרט,
ווער איך פריילעך אויפֿן אָרט.
ווערט דערהויבן מיין געמיט,
ציטערט פריידיק אויף מיין ליד.

מיש איך מיר די זופּ אין טאָפּ,
שפּינט אַ ליד זיך מיר אין קאָפּ.
ברויזט דאָס וואַסער, קאָכט און זידט,
און אין מיר — עס ברויזט דאָס ליד...

וואַקסט גאָר אוים אַ באַרג, אַ טאָל,
בליען בלומען דאָרט אָן צאָל;
אַ קרישטאָלן טייכל פליסט זיך,
און אַ פויגל טרעלט, צעגיסט זיך...

כאַפּ איך זיך — פֿאַרברענט דאָס עסן!
זיך פֿאַרחלומט, זיך פֿאַרגעסן.
קומט מיין מאַן אַהיים אַ מידער,
און איך גרייט צום טיש אים . . . לידער...

# קאָני־אײַלענד

אין קאָני־אײַלענד מענטשן שטראָמען
װי די כװאַליעס אױפֿן ים.

שרײַענדיקע סטענדס און קראָמען —
קאָני־אײַלענד טאַראַראַם...

אין קאָני־אײַלענד אַלע קײַען,
דער אַ האָט־דאָג, דער — אַ פּאָפּ,

צװישן שװימען, טומלען, שרײַען
עסט מען אָפּ אַזױ, כאַפּ־לאַפּ...

מענטשן מיאוסע, מענטשן שײנע,
יעדער — האַלב זײַן שאַנד פֿאַרשטעלט,

לאַכן װי די קינדער קלײנע,
שטיפֿן, ברענען דאָ אַ װעלט!

לופּ־דע־לופּ און קאַרוסעלן,
פּאַראַשוטן פֿליען הױך.

ס׳קוקן מענטשן צו און קװעלן
װי אײנער לאַכט דאָ אָן אַ בױך...

שרײַט אַ מאַמע װי פֿאַרלאָרן,
זיבן קינדער אַרום איר,

משהלע איז ניט געװאָרן!...
װאו־זשע איז ער? װײ איז מיר!

נאָך אַ טאָג אַזאַ פֿון טומל,
נאָך די האָט־דאָגס צו דער זעט,

שלעפּט אַהײם זיך דאָס געזימל,
און מען חלומט פֿון אײגן בעט...

# געווען איז זי שיין

געווען איז זי שיין
ווי די ליכטיקע זונען,
און יונג,
ווי אין פרילינג די בלום.
און יונגעלייט האָבן,
פאַרכישופט ווי בינען,
געזשומעט,
געפלאַטערט אַרום.

האָט איינער
איר כבוד געטראָגן אַנטקעגן,
אַן אַנדערער —
עשירותן, גרוים.
און דאָ איז אַ דריטער
פאַרלאָפן די וועגן,
זיין ליבע
געבראַכט צו איר שוים.

זי האָט מיט אַ שמייכעלע
זיי אויפגענומען.
דעם יונגן
און אַלטן צוגלייך.
און וועמען־זשע, מיינט איר,
האָט זי פאַרט גענומען?
— דעם אַלטן!
אַט דעם וואָס איז רייך...

## אין גאָרטן

אין ליכטיקן גאָרטן
געבליט האָט אַ בוים,
מיט קאַרשן באַלאָדן —
אַ מיידלשער טרוים...

צעוואַקסן ווי רויזן,
רייף, ליכטיק און גרוים!
געבעטן זיך רייסן,
געפאַלן אין מיין שוים.

און איך האָב גענומען!
ניט איין קאַרש, ניט צוויי —
פאַרזוכט האָב איך אַלע,
געקוויקט זיך מיט זיי.

ווי וויין אויף מיין גומען,
געהאַט כ׳האָב זיי האָלד,
וואָס מער כ׳האָב געשלונגען,
אַלץ מער כ׳האָב געוואָלט...

ביז איינמאָל, פאַרנאַכט־צו,
כ׳האָב פּלוצלונג דערפילט
מיין הונגער צו קאַרשן —
געזעטיקט, געשטילט...

— — — — — — — —

אין ליכטיקן גאָרטן
פאַרבליט האָט אַ בוים;
צערונען אַ שיינער,
אַ מיידלשער טרוים...

# אַ גליקלעך פּאָר

זי איז שלאַנק
מיט לוסט אין בליק.
ער, דער היפּוך:
— קורץ און דיק.

זי — פול-לעבן!
זינגט און לאַכט.
ער, פאַרכמורעט,
גיט ניט קיין לאַך...

בלאָנד איז זי,
די אויגן, קלאָר.
אויף זיין קאָפּ,
קיין סימן-האָר!

זי וויל טענץ
און קאַבאַריי,
זיינע אויגן —
שלאָף אין זיי.

ווייעט מיט פרילינג
פון איר גאַנג.
ער, קוים שלעפּט זיך
— מיד און קראַנק.

זי — אַ העלפט,
פון זיינע יאָר.
אַ גאָט-געבענשט
און גליקליך פּאָר...

# 5, היים פון מיין ווינגל

# שעדלעץ

איך זע דיך, מיין שטעטל, די היים פון מיין וויגל —
אַ הילצערן הייזל, די טיר אויף אַ ריגל,

מיט ביימער צעוואַקסן, געדיכטע אַלייען,
אַ טייכעלע פליסט זיך צווישן שאַסייען.

אין שטילע פאַרנאַכטן איך פלעג זיך שפּאַצירן
אין גאָרטן צעבליטן, וויכוחים דאָרט פירן.

און אָפטמאָל אַ ליד אין „הזמיר" געזונגען,
און שיין האָט דאָס יידישע וואָרט דאָרט געקלונגען...

ווי איצטער נאָך זע איך די ליבע מקומות,
וואו כ'האָב אין מיין יוגנט געוועבט זיך חלומות.

וואו כ'פלעג אויף קרישטאָלענעם טייכל זיך שיפן,
פאַרבראַכט מיט חברים אין לאַכן און שטיפן...

געווען איז מיין שטעטל באַזעסן מיט יידן,
אַי, האָט דאָרט געטומלט, אין טעג פון יאַרידן!

נאָר שבת און יום-טוב געשיינט האָט יעדעס הייזל,
גערוט האָט די שכינה אויף שטוב און אויף קלייזל...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איצט ווייסט איז מיין שטעטל, ניטאָ מער קיין יידן,
זכרונות בלויז זיינען אין הארץ מיר פאַרבליבן...

# מיין טאַטע

מיין טאַטע געווען איז
אַ ייד אַ בן־תורה.
און אָפּטמאָל געווען ר׳איז
אין שול דער בעל־קורא,

און תמיד — אַ ספר
אין איידעלער האַנט.
ס׳האָט תורה און חכמה
געשאַרפט זיין פאַרשטאַנד...

געווען אינדערוואָכן
אין מסחר פאַרנומען.
דערפאַר, אַז דער הייליקער
שבת פלעגט קומען,

פלעגט זיין נגינה
אין הויז זיך צעקלינגען,
מיט פרייד און בטחון
צו גאָט פלעגט ער זינגען...

די פרייטיק־צו־נאַכטסן
ווער קען דען פאַרגעסן ?
די גוטע מאכלים,
דאָס שבתדיק עסן,

דער מאַמעס בענטש־לייכטער,
די חלות און וויין —
ווי איינגעקריצט האָבן זיי
אין האַרץ זיך אַריין...

און זים האָט געקלונגען
דעם טאַטנס קידוש־ניגון !
עס פלעגט מיט מתיקות
אונדז, קינדער, פאַרוויגן...

## מאַמעס־צדקניות

שווימען אויף אין מיין זכרון
בילדער פון אַן אַלטער צייט,
ברענגען צוריק מיך צו מיין וויגל,
וואָס געשטאַנען איז דאָרטן ווייט.

שוועבט אויפסניי פאַר מיינע אויגן,
מאַמע׳ס איינגעקאָרבט געשטאַלט.
יעדער קאָרב — אַ ים מיט זאָרגן,
פאַר דער צייט געוואָרן אַלט...

און דער טאַטע זיצט און לערנט,
יום־ולילה, וואָך נאָך וואָך.
טראָגט די ליבע, פרומע מאַמע,
באהבה, דעם פרנסה־יאָך...

שווער געוועזן איז דער גורל
פון אַט די מאַמעס פון אַמאָל,
ווען עס האָבן פיצלעך קינדער
ברויט געבעטן אויפן קול.

נאָר דער טאַטע אין בית־מדרש
טאָר ניט וויסן פון קיין זאָרג,
האָט די מאַמע, די צדיקת,
ברויט גענומען וואו אויף באָרג...

איז געקומען שבת־קודש —
האָט זי צער און נויט פאַרגעסן.
און די שבת־ליכט געצונדן,
פרום געגרייט דאָס אָרעם עסן.

און געדאַנקט דעם בורא־עולם
פאַר זיין חסד, שטיל, באַשיידן.
זיך געוואונטשן אַ פוס־בענקל
זיין דעם טאַטן אין גן־עדן...

# דער זיידע ר׳ עליע

געפונען האָב איך אַן אַלבאָם מיט בילדער,
פאַרלייגט וואו געווען אַ סך יאָרן.
געקוקט האָט אויף מיר אַ פּנים, אַ מילדער,
מיט ליבשאַפט באַשטראַלט מיין זכרון.

ר׳ עליע, דער זיידע, מיט ווייס-גרויער באָרד,
אַ ספר אין זיין איידעלער האַנט.
זיין ערלעכער דרך, אַ רענדל אַ וואָרט —
געווען איז אין שטאָט גוט באַקאַנט.

איך ווער ווייט פאַרטראָגן, צום געסל דעם קליינעם,
אין הויז פון מיין זיידן, דעם פרומען.
ס׳איז שבת אַצינדער, אין שטיבל דעם ריינעם
מיר זיינען צוגאַסט דאָ געקומען.

עס לערנט דער זיידע. איך הער זיין נגינה,
זיין בעטן צום בורא, זיין זינגען.
און שטיל איז אין חדר, עס שוועבט דאָ די שכינה.
בטחון פון דורות הער איך קלינגען...

# קרעלן

ס'האָט אַמאָל מײַן ליבער זײדע
אַ בינטל קרעלן מיר געגעבן:
— היט זײ, קינד מײַנס, יעדער קרעל דאָ
שפּיגלט־אָפּ אַ יאָר פון לעבן...

נעם, מײַן קינד, אַ נאָדל־פּאָדים,
די יאָרן דײַנע צײל אויף קרעלן:
איז דײַן יאָר אַ רײנער, װײסער,
צי־אַרויף אַ קרעל אַ העלן.

װערט, חלילה, שװער דיר, ביטער,
קלײַב זיך אויס אַ קרעל אַ שװערן
און צום יאָר באַטראַכט, באַרעכן,
פונעם לעבן, קינד מײַנס, לערן...

װאַקסן אַזױ דורך יאָרן קרעלן,
יעדער האָט זיך זײַן קאָליר,
יעדער טראָגט אַ סוד פון לעבן,
יעדער, דוכט זיך, רעדט צו מיר.

אָט אַ קרעל — אַ ליכטיק־װײסער —
װי אַ מלאך, אַזױ רײן.
ער דערמאָנט מיך אין מײַן קינדהײט,
װאָס געװען איז זאָרגלאָז־שײן...

קרעלן רויטע, זײ דערצײלן: —
ביטערע געװען די יאָרן...
ייִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן,
ליבסטע, נאָענטע, אומזיסט פאַרלאָרן...

בריען, גליען מיינע אויגן
שוואַרצע קרעלן ווי קוילן.
זיי דערציילן מיר פון חושך,
זיי דערמאָנען מיך אין גרוילן...

דאָ שטראַלט אַ קרעל פון פרייד און ליבע,
ברויזט פאַרביי מיין דורשטיק אויג,
און נאָך אַ קרעל, אַ קינדס געלעכטער,
אַ ליבער שמייכל, אַ טאַנץ, אַ בויג...

— — — — — — — — — — — —

יעדן יאָר אין חודש אלול
כ'נעם אַרויס מיין שנירל קרעלן,
מאַך אַ חשבון, צייל און רעכן,
צום פולן־שנור פון יאָרן — וויפל פעלן?...

## דער קלעזמער אין שטעטל

שמואל-דוד דער קלעזמער,
אַן אביון אַ ייד.
שפּילט אוים אויף זיין פידל
אַ מצווה-טאַנץ-ליד.

ער נייגט מיט געפיל
צום פידל זיין קאָפּ,
די געסט טאַנצן פריילעך
צום טאַקט-צו, האָפּ-האָפּ!

עס ליאַרעמט דער טראָמפּייט,
עס ברומט-צו דער באַס,
ער שפּילט אַלץ זיין ניגון
און טראַכט זיך בשעת,

אַז ס׳וואָרט דאָרט זיין ווייבל
פאַרהונגערט, דורך נאַכט,
די קינדער, די שוואַלבן,
זיי שלאָפן פאַרשמאַכט.

און פינצטער אין הויז איז,
און ליידיק דער טיש,
קיין קויל פאַרן אויוון,
און ברויט — ניט קיין קריש...

פאַר משהלען צייט שוין
שכר-לימוד צו צאָלן,
דאָס רעקל צעריסן,
צעלעכערט די זוילן...

דאָ טאַנצן משפחות,
מען דרייט זיך אין קאָן.
מען פירט חתן-כלה
אַרויף אויבנאָן.

עס שוועבט דורך די כלה
אין שלייער פאַרהילט;
שמואל-דוד דער קלעזמער
זיין ניגון אַלץ שפּילט.

— מזל-טוב! — טראָגן זיך
פרייד-אויסגעשרייען,
די געסט, ווי פאַרכישופט,
אין רעדל זיך דרייען.

ביז מיד ווערן טענצער
אויף פריילעכן דיל.
און די קלעזמאָרים
אַהיים גייען שטיל.

נאָך טישן געדעקטע
מיט פיש, פלייש און ברויט,
אַהיים קומט שמואל-דוד
צו ביטערער נויט...

און קיינמאָל צום בורא
קיין טענה, קיין טרער!
נאָר טיילמאָל, ווען ס'לעבן
געדריקט האָט אים שווער,

איז איז ווידער דעם פידל
פאַררוקט אונטער קין,
און וואונדער! — דאָס לעבן
אויפסניי קריגט אַ זין...

## פאַר דײַן יאָרצײַט־ליכט

צום אָנדענק פון מײַן שװעסטער שרה, ע״ה

פאַר דײַן יאָרצײַט־ליכט, מײַן שװעסטער,
שטײ איך פֿרום מײַן קאָפּ געבױגן.
שװעבט אַ תּפֿילה אױף די ליפּן,
ברײט אַ הײסע טרער די אױגן.

רײסט עס אױף מײַן װײטיק שאַרפֿער,
מאָנט אַ חשבון דײַן יונג לעבן...
און איך — שטום, אומבאַהאָלפֿן,
בלױז נאָר טרערן כ׳קאָן דיר געבן...

אין דײַן יאָרצײַט־ליכט, מײַן שװעסטער,
זע איך דײַנע טיפֿע אױגן,
זײ צאַנקען, װי דאָס שװאַכע פֿלעמל.
שטײ איך פֿרום מײַן קאָפּ געבױגן...

## פּסח, 1945

מיין טייערער מאַמען — געווידמעט.

איבער באַרג, איבער טאָל,
איבער ווייטע ימען,
כ׳זע מיין שטעטל פון אַמאָל,
דאָס הויז פון טאַטע-מאַמען.

פּסח-נאַכט עס איז אַצינד,
געגרייט איז שוין דער סדר.
אויסגעפּוצט איז יעדעס קינד
אין יום-טובדיקע קליידער.

בלאַנקט דער טישטעך — ווייסער שניי,
פאַרבט דער ווייַן זיך רויטער,
פינקלען כוסות אַלערליי,
ברענען לאָמפּן לויטער.

צינדט די מאַמע אָן די ליכט,
פאַלן שאָטנס שטילע.
הייבט די הענט צו איר געזיכט,
פליסטערט אוים אַ תפילה.

און דער טאַטע מיט אַ ניגון
ריכט איצט אָפּ דעם סדר:
— זאָגט נאָך, קינדער, ניט געשוויגן!
וואָרט נאָך וואָרט, כסדר...

— — — — — — — — — — — —

ס׳ליגט מיין שטעטל איצט פאַרשוויגן,
איבער באַרג און טאָל.
ניטאָ קיין קינדער יידישע אין וויגן,
ניט קיין פּסח פון אַמאָל...

# נאַצי־שאַנד

אויף דער „יונייטעד ניישאַנס״ אויסשטעלונג
פון יידישע גערויבטע זילבער־כלים

יידיש-טייערע זילבער-כלים,
אַנגערויבט דורך בלוט-ערלים,
האָבן מיר דאָס הארץ צענומען
אין אַ ווייטיק אין אַ שטומען.

דאָס איבערבלייב פון מיין פאָלק
אויסגעשטעלט אויף טיש מיט טאָלק.
קויפט-זשע, קונים! שיין און גוט,
זילבער אויסגעמישט מיט בלוט...

זע, דער מאַמעס שבת-לייכטער!
אויף דער קאַלטער ערד, דער פייכטער,
האָט דער נאַצי זי דערשלאָגן:
— ווער דען העלפן איצט דיין קלאָגן?

וויינט אַ לעפל: — וויי און ווינד!
כ׳האָב געקאָרמעט פיצל-קינד,
האָט דער מערדער מיט איין שאָס
אים דערהרגעט — און פאַרוואָס?...

קרעכצט אַ זילבערנע מנורה:
— ס׳האָבן יידן פאַר דער תורה,
אין בית-מדרש ליכט געצונדן —
אויסגעוויינט פאַר גאָט די וואונדן...

יאָמערט דאָרט דעם טאַטנס בעכער.
קלינגט זיין קידוש-ניגון העכער,
טראָגט זיך דורך דער געטאָ-וואַנט.
ביילט זיך אין אַ פויסט דיין האַנט:

— נאַצי-רויב און נאַצי-לאַנד!
זאָל דאָס יידיש בלוט, דיין שאַנד,
קיינמאָל ניט, אויף קיין שום אופן,
קענען ווען עס איז אויסקויפן...

יאַנואַר, 1950

# צוגאַסט

יום־טובדיק דער טיש געדעקט.
יעדע שטול פאַרנומען,
לאַנדסלייט פון מיין שטעטל
צוגאַסט זיינען געקומען.

דערמאָנט מען ס׳אַלטע געסעלע,
בילדער נאָענטע, שוועבן...
באַפאַלט דיך אַזאַ בענקעניש
נאָך אַ פאַרגאַנגען לעבן,

נאָך דעם ליבן שטיבעלע
פון די קינדער־יאָרן,
וואו דו האָסט די ליבסטע דאָרט
אויף אַש און שטויב פאַרלאָרן...

וואַרפט די זון אַ לעצטן שטראַל
פון גינגאָלד דורכן פענצטער,
ברומט זיך ווער אַ לידל אוים:
— „אוי, ביסט ביי מיר דער שענסטער".

און גלייך האָט ס׳היימיש לידעלע,
עמעצער פאַרצויגן.
האָט אַ בענקעניש צעגלאַנצט
מיט טרערן אַלע אויגן...

## אויף פּוילישער ערד

עס וועט באַלד אַ פרילינג אַ נייער אָנקומען.
וועט באַלד אָנקומען.

צי וועלן אויך היינט זיך צעבליען די בלומען?
בליען די בלומען?

אוי, ווי קאָנען בלומען גאָר בליען אַצינדער?
בליען אַצינדער?...

די ערד — פול הרוגים פון יידישע קינדער!
יידישע קינדער...

באַלד וועלן די ביימער מיט צווייט זיך פאַרשנייען.
מיט צווייט זיך פאַרשנייען.

צי וועט אָט דער פרילינג אויך היינט אונדז דערפרייען?
אויך היינט אונדז דערפרייען?

ווי קאָן אונדז דען היינטיקער פרילינג דערפרייען?
ווי קאָן ער דערפרייען?

אַז טויב איז די וועלט נאָר צו יידישע ווייען,
יידישע ווייען...

פעברואַר, 1945

# דאָס פּאַסטעכל

ווייט דאָרט אין פּוילן
האָט זון זיך געשטעלט.
טרייבט דאָרט אַ פּאַסטעכל
שעפּסן אין פעלד,

בלאָזט אויף אַ פייפעלע
טרויעריק, שטיל,
פייפט־אויס אַ ניגונדל
זיס, מיט געפיל.

דאָס העמדל צעריסן
און באָרוועס די פיס.
טראָגט ווייט זיך דער ניגון,
קלינגט־אָפּ אַזוי זיס,

פינקלען די אייגעלעך
חנ׳עוודיק־שיין,
ציטערט דאָס מיילכעלע,
ווי אין געוויין...

זאָג מיר, מיין קינד,
זאָג וואָס דיר פעלט?
האָט דיר, חלילה,
געקריוודעט די וועלט?

דיך? אַ קליין נפשל,
הויט נאָר און ביין!
רעד, נו דערציייל מיר שוין,
פּאַסטעכל־שיין.

עס האָט דיך דיין מאַמע,
אַ געיאָגטע, אויפן וועג
צו סטאַסיען געבראַכט דאָ?
אין אַנגסטן, אין שרעק,

זיך רחמים געבעטן
צו באַהאַלטן דיך, יינגל,
און געגעבן איר צירונג,
דאָס קדושין־רינגל —

די בריליאַנטענע אוירינג,
דעם זייגער און קייט,
אַבי דיך ראַטעווען
פון אַ זיכערן טויט...

אין ווינקל פון שטאַל ביסט,
זינט דעמאָלט, פאַרבליבן...
פונוואַנען־זשע נעמסטו
דעם ניגון דעם ליבן?

עס טראָגט זיך דער ניגון
איבער גרינע גראָזן.
האָט דיך די וועלט דאָ
אויף הפקר געלאָזן?

צימערן טענער
אויף זוניקע זאַנגען.
איז אויף קידוש־השם
דיין מאַמע געגאַנגען?

און אפשר גאָר פלעגט
מיט דעם אַ טרויעריקן ניגון,
דיין מאַמע, די יונגע,
צום שלאָף דיך פאַרוויגן?

אָדער דער טאַטע,
דער לערנער, דער עילוי,
אויסגעזונגען אַזוי האָט
צום בורא זיין תפילה?...

פאַשעסט פאַר סטאַסיען
די שעפּסן, די גרויע.
גים־זשע דיין ווײ אוים
צו הימלען די בלויע!

הייב־זשע דיין ניגון
אַלץ העכער און העכער!
אַריבער די הייזער,
אַריבער די דעכער,

העכער, צו הויכע,
צו הימלישע ספערן,
אפשר וועלן הימלען
דיין ניגון דערהערן?

און לעשן דיין בענקשאַפט,
דאָס ביטער געוויין
פון אַ יידיש יתומל
— עלנט, אַליין...

אויגוסט, 1946

## טיפע וואָרצלען

אָפּגעזונדערט ערגעץ־וויט
העט־אַוועק, אויף יענער זייט,
שטייען ביימער צוויי.

די צווייגן — אָפּגעבראָכן, קוואַר,
בייגן זיך אין טיפן צער,
מורמלען זייער ווי:

געווען אַמאָל אַ וואַלד אָט דאָ,
האָט אַ וויסטע בייזע שעה
אין שטורעמדיק געדריי,

אויסגעריסן יונג און אַלט!
בלויז פאַרבליבן אין דעם וואַלד
צעבראָכענע — מיר צוויי...

שטורעם וויים ניט פון גענאָד...
ווען צעשטערונג און געשפּאָט
האָט אין לופט געקראַכט,

האָט זיך הימל רויט געהעלט
אין דער פלאַמיק־וויסטער וועלט,
דוכט זיך — צוגעלאַכט...

כאָטש פאַרבליבן נאָר מיר צוויי —
מוטיק טראָגן מיר דעם ווי!
און זאָל עס זיין פאַרשריבן:

אַז צוריק וועט בליען וואַלד,
כל־זמן מיט וואָרצלען טיף און אַלט,
צוויי זיינען פאַרבליבן...

מאַי, 1947

# ווי קען איך

ווי קען איך זיך פרייען
און לאַכן, מיין קינד?
געניסן פון ליכטיקער וועלט.
ווען ס׳ציטערן ברידער
דורך האַרבסטיקן ווינט
אויף שיפן געיאָגט אין דער קעלט...

ווי קען איך זיך זעצן
צום טיש גאָר אַצינד?
און עסן צו דער זעט דאָ, מיין ברויט.
אַז ס׳הונגערט מיין שוועסטערס
אַ ציטערדיק קינד,
זיין מוטער פון נאַצים געטויט...

עס וואָגלען דורך ימען
די שיפן אין ווינט,
פון ברעג-צו-ברעג ווייטער דורך קעלט.
ווי קען איך זיך וואַרעמען
אין הויז גאָר אַצינד?
אין אַזאַ בייזער און ביטערער וועלט...

אָקטאָבער, 1947

## פאָרט אַ יידיש יינגעלע

טראָגט זיך אַ קליין צווייגעלע
איבער ווייטע ימען,
פאָרט אַ יידיש יינגעלע,
אַליין, אָן טאַטע־מאַמען...

וויגן כוואַליעס ברויזנדיקע,
וואַשן אים און צוואָגן,
האָבן זיי דעם יתומל
צו אַ ברעג דערטראָגן.

וואַקסט שוין אַ יונג ביימעלע
צווישן אַלטע שטאַמען,
געפונען האָט דאָס יינגעלע
נייע טאַטע־מאַמען...

איבער ציונס באַרג און טאָל
בליען שוין מאַראַנצן.
ס'וועט דאָס יידיש יינגעלע
ישראלס לעבן פלאַנצן...

## ווײַס און בלוי

ניט ציטער, ניט פלאַטער מײַן האַרץ!
עס לײַכט שוין אַ שטראַל צווישן שוואַרץ.
שוין נאָענט פון דערלייזונג די שעה,
עס לעבט־אויף די פאָן „ווײַס און בלאָ".

ניט ציטער, ניט פלאַטער מײַן האַנט!
נאָר שטאָלץ טראָג די פאָן פון דײַן לאַנד.
כאָטש אָרעם דײַן לאַנד איז און קליין,
דײַן פאָן איז געהייליקט און ריין...

ס'האָט גלות פון טויזנטער יאָר
דײַן שטאָלץ ניט געמינערט אַ האָר!
נאָך ווייקט זיך די ערד אין דײַן בלוט,
דאָך ווירדיק דײַן וואָרט איז, דײַן מוט...

דו מאָנסט פון דער וועלט ניט קיין סך,
אַ קליין שטיקל ערד און אַ דאַך,
אַ היים און אַ שטיבל, ניט רײַך —
אַ פאָלק זײַן מיט פעלקער צוגלײַך...

טאָ ציטער ניט, פלאַטער ניט האַרץ!
שוין לײַכט זיך אַ שטראַל צווישן שוואַרץ.
געקומען איז די אויסדערוויילטע שעה!
— לאַנג לעבן וועט די פאָן „ווײַס און בלאָ"...

## ס׳איז רעכט אַזוי

כ׳קאָן ניט פאַרטראָגן דעם בייזן ווינט.
זאָגט מען מיר — ביזט ווי אַ קינד.
זאָגט מען מיר — ניט גוט אַזוי,
וועסט זיך ברעכן ווי אַ שטרוי.
ווייס איך וואָס דאָס מיינט גענוי...

און דאָך, ווען שטורעם קומט מיט גרויל,
פאַרלענדט מיין וועלט אין אַש, אין קויל,
איז כאָטש געבראָכן כ׳ווער און קראַנק,
גלייך איך אויס זיך ווי אַ זאַנג,
צו דעם ערשטן זון־אויפגאַנג...

מ׳זאָגט מיר אַז כ׳בין שוואַך און קליין,
אַז ס׳וועט די וועלט מיך ניט פאַרשטיין.
און דאָך — ווען כ׳שטיי אַנטקעגן שונאס שפּיז,
גיט מיין בלוט מיט קראַפט אַ פליס,
כ׳ווער דאַן נאָך שטאַרקער, פון דעם ריז...

כ׳פאַרטראָג דערפאַר ניט בייזן ווינט,
ווייל לעבן כ׳וויל, מיט הויזגעזינד
אין אייגן לאַנד, כאָטש דאָך פון שטרוי.
כ׳וועל אַקערן פון מאָרגן־טוי,
העלפן ס׳פאָלק אין לאַנד־אויפבוי,

— — — — — — — — — — — — — — —

ווייס איך, אַז ס׳איז רעכט אַזוי...

# מדינת ישראל

שלאָף, מיין קינד, מיין יינגל-קליין.
ס׳איז די זכיה דיר באַשערט,
אויסצואוואַקסן, קדיש-מיין —
אויף ישראל׳ס אייגן ערד.

כאָטש געבוירן ביזט אויף וועגן,
אונטער קנוט פון נאַצי-האַנט,
שיינט איצט פרייהייט דיך אנטקעגן —
איבער ציונס הייליק לאַנד.

ס׳איז דיין טאַטע, אין די גריבער,
יונג געפאַלן ווי אַ העלד.
ניט אומזיסט, מיין יינגל ליבער —
פאר ישראלס נייער וועלט...

שלאָף-זשע, קינד מיין, שלאָף און חלום,
וועגן ציונס באַרג און טאָל.
אין אַ וועלט פון אייביק-שלום —
בליען זאָל דיין לאַנד, ישראל...

# אינהאַלט

זייט

## 1. מיין לעבן, מיינע טעג


מיין לעבן — 7
דער תוך פון לעבן — 8
אויסדויער — 9
אומרו — 10
מיין וועג — 11
ערשט נעכטן — 12
איך, דער מענטש — 13
מיין ליד — 14
פאַרשווענדט — 15
טויבע אויערן — 16
יוני אין וואַלד — 17
ביים ים — 18
מיין יינגעלע — 20
טוליע זיך צו — 21
דו וואַקסט אויס — 22
צו גיך — 23
ווי א צווייגל — 24
אין מיין פרילינג — 55
ליבשאַפט — 26
אַמאָל — 27
בענקשאַפט — 28
די אָוונט־שעה — 29
מיר ביידע — 30
האַרבסט און פרילינג — 31
חלומות — 32


## 2. נאַטור און מענטש


נאַטור און מענטש — 35
דער מענטש — 36
גולמס — 37
אין יאָגעניש — 38
מיין דור — 39
אַ פינטעלע ליכט — 41
ווער ווייס דען ? — 42
רו אין דער שטיל — 43
ווען . . . — 44
פאַרפלויגן — 45

פֿאַרפֿלאָנטערט — 46
דער זייגער — 47
מוזיק און וואָרט — 48
אין קלעם — 49
אַלע גלײַך — 50
דער בלינדער — 51
בלעטלעך — 52
אַ בלעטל אין ווינט — 53
אין קרייז — 54
ווינטער — 55
אַ לבנה־נאַכט — 56
שניי — 57
פֿאַרליבטע — 59
צו אַ פֿויגל — 60
ערב־פֿרילינג — 62
פֿרילינג — 63
אַ זילבער־שטראַל — 64
זומער־לעב — 65
אַ רעגן — 66
יוגנט־גלי — 67
קנאה — 68

## 3. ליכט און שאָטן

צום דיכטער — 71
אין אויפֿגאַנג פֿון טאָג — 72
נאַכט — 73
מאַך אַ וואַרע — 74
גלײַכגילט — 75
צום מאָרגן — 76
יום־כּיפּור — 77
אַ תּפֿילה — 78
פֿאַרהאַקט — 80
וואָס טראַכט ער ? — 81
משלים — 82
גאָלדענע רעגנלעך — 84
דײַן טרויער — 85
דײַן וואָרט — 86
אין שווערער שעה — 87
מלחמה — 88
בליען בלומען — 89
קינדער־שפּיל — 90
א היים — 91
הײַנט איז דײַן טאָג — 92
ניו־יאָרק — 93

זייט


אויף דער באַוערי — 94
איינער אַליין — 96
וואַקסט א שטאָט — 98
אין סאַבוויי — 100
אַנטקעגן שפּיגל — 102
אַן אַמעריקאַנער ישיבה־בחור — 103
דער זיווג — 104
א בוים — 106
לערן, קינדס מײַנס — 107
שיינדעלע — 108


## 4. שפּאַסערייען


גוטע פרײַנט — 111
זיך פאַרגעסן — 112
קאָני איילענד — 113
געווען איז זי שיין — 114
אין גאָרטן — 115
א גליקלעך פּאָר — 116


## 5. היים פון מיין וויגל


שעדלעץ — 119
מיין טאַטע — 120
מאַמעס צדקניות — 121
דער זיידע ר׳ עליע — 122
קרעלן — 123
דער קלעזמער אין שטעטל — 125
פאַר דיין יאָרצייט־ליכט — 127
פסח — 128
נאַצי־שאַנד — 129
צוגאַסט — 130
אויף פּוילישער ערד — 131
דאָס פאַסטעכל — 132
טיפע וואָרצלען — 135
ווי קען איך — 136
פאַרט אַ יידיש יינגעלע — 137
ווייס און בלוי — 138
ס׳איז רעכט אזוי — 139
מדינת ישראל — 140